# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 246 פרשת וישלח · תשפ"ה

# שכח איבערשטער

## פאר די שיינע וועלט וואס דו האסט באשאפן



**שפעקולאציעס:**
בר מצוה / טיטאניק



**ברייוו פון ראש ישיבה:**
קומט א דריטע וועלט מלחמה?



**אמעריקאנע נייעס:**
פרעזידענטביידען פארדאנערט זיין זון



**וועלטליכע נייעס:**
אסאד רעזשים פון סיריע צוברעקלט

קרית ברסלב בלעטל

פרשת וישלח תשפ"ה • 246

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00





 רייס אראפ דעם וואנט! 4





אבידה מצאתי 21





פארשריט ביי בארדיטשוב גאס 45



4 גאסט ארטיקל
9 אלץ און אלעמען
29 די ברסלב'ע שטוב
37 קינדער בלעטל



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים

וישלח י"ג כסליו

הדלקת הנרות.. 04:10
מוצאי שבת...... 05:40

**מנחה מעריב**
פרשת וישב
05:25









בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן א הערצליכן

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו
## וזוגתו תחי'

גבאי קרית ברסלב ליבערטי
און רעדאקטאר און ארויסגעבער
פונעם וועלט בארימטן "קרית ברסלב בלעטל"

וואס געבט זיך אוועק יעדע וואך עקסטער ארויסצוגעבן
דעם הערליכן בלעטל וואס איז וועכנטליך מחי' און מחזק
טויזנטער אידישע קינדער פון איבער די גאנצע וועלט.

## צום אפשערן פון
## זיין זון חיים נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

קרית ברסלב בלעטל

און די רעדאקציע



*sruliHeskel

# גאסט ארטיקל



# רייס אראפ דעם וואנט!

ש. צ. היסטאריקער

געווען איז דאס אין די יארן נאך די שוידערליכע צווייטע וועלט מלחמה, ווען די גרויסע לענדער וואס האבן באזיגט דייטשלאנד האבן זיך צוזאמגענומען זיך אדורך רעדן וואס וועט זיין די שיקזאל מיט די יעצט צעשאסענע דייטשלאנד וואס האט געדארפט צוריק אויפגעבויעט ווערן, און אין די זעלבע צייט האבן אלע געוואלט זיכער מאכן אז דייטשלאנד וועט זיך נישט נאכאמאל אויפהייבן דעם קאפ.

נאכן שטודירן אלע צדדים האבן די גרויסע לענדער וואס האבן אינאיינעם באזיגט דייטשלאנד, זיך אדורך געקומען אז מען וועט פשוט צוטיילן דייטשלאנד אין פיר, די אויבערשטע טייל וועט גיין פאר רוסלאנד, און די איבעריגע טייל וועט מען צעטיילן, אמעריקע וועט באקומען דאס מערסטע, אביסל וועט גיין פאר פראנקרייך, און נאך א שטיקל פאר גרויס-בריטאניע (ענגלאנד).

דער פראבלעם האט זיך אנגעהויבן מיט דעם הויפשטאט פון דייטשלאנד, בערלין, וואס איז אויסגעפאלן אינעם טייל וואס מען האט באשטימט אז עס וועט געהערן צו רוסלאנד, יעדער האט געוואלט האבן בערלין אין זייער טייל, האבן די גרויסע קארפן קעפ אויסגעטראפן אז אויך בערלין וועט מען צעטיילן צווישן די אויבנדערמאנטע פיר לענדער, יעדער וועט באקומען איין טייל.

לאמיר אריינגראבן טיפער וועט איר פארשטיין וואס האט פאסירט ווייטער, רוסלאנד איז אין יענע צייטן געווען א קאמוניסטישע לאנד, זיי האבן געמאכט מיט אלע לענדער ארום זיי א פאראייניגונג מיטן נאמען 'די סאוויעטישע פארבאנד' דאס הייסט זיי האבן ארויפגעצווינגען די קאמוניסטישע אידעאלאגיע אויף אלע ארומיגע לענדער, ווי פארשטענדליך איז אין זייער טייל פון דייטשלאנד איינגעפירט געווארן קאמוניזם. זיי האבן געגרינדעט א רעגירונג וואס אזוי ווי אין רוסלאנד האבן זיי געהאט א שרעקאנווארפענדע פאליציי קראפט וואס מען האט גערופן די 'סטאזי', וואס האט שאנטאזשירט די איינוואוינער פון מזרח בערלין און זיך געפירט מיט אן אייזערנעם פויסט. בלויז ארויסזאגן זייער נאמען האט געווארפן א פחד אויף די איינוואוינער פון מזרח דייטשלאנד, און אזוי ווי ביי אלע אנדערע קאמוניסטישע לענדער האבן זיי געמוזט האבן א שטארקע וואך ביי אלע גרעניצן אזוי אז מען זאל נישט קענען פארלאזן דעם "קאמוניסטישן גן עדן".

דער פראבלעם האט זיך אנגעהויבן אין בערלין, ווי געשריבן אויבן איז די שטאט געווארן צעטיילט אין צוויי, די חלק וואס איז געפירט געווארן דורך רוסלאנד האט געהאט א קאמוניסטישע רעגירונג, און די חלקים פון די איבעריגע לענדער זענען געפירט געווארן מיט דעמאקראטיע.

די חילוק צווישן די צוויי טיילן פון בערלין איז געווארן מער און מער אנמערקבאר ווען די מערב בערלין טייל - אנגעפירט דורך די דעמאקראטישע לענדער - האט אנגעהויבן שפרודלען און וואקסן, פיל שטאקיגע בנינים און ביזנעסער זענען ארויפגעשווימען אויפן האריזאנט, ווידעראום די מזרח טייל אנגעפירט דורך די קאמוניסטן איז געבליבן מיט די צעשאסענע בנינים א זכר פונעם צווייטן וועלט קריג. די ארעמקייט האט זיך ארויסגעוויזן פון יעדן ווינקל אזוי ווי אין אלע קאמוניסטישע לענדער, און אזוי ווי ביי אלע קאמוניסטישע לענדער האבן זיי פראפעגאנדירט פאר די איינוואוינער אז זיי דארפן זיין זייער גליקליך צו קענען לעבן אין דעם "קאמוניסטשן גן עדן".

וואס האט פאסירט נאכדעם איז פארשטענדליך, יעדער מיט אביסל שכל האט אריבערשפאצירט פון דעם קאמוניסטישן טייל פון בערלין צום דעמאקראטישן טייל. עס ווערט געשאצט אז קרוב צו פ-י-ר מיליאן מענטשן זענען אוועקגעלאפן צום דעמאקראטישן חלק פון בערלין.

פארשטייט זיך אז פאר די קאמוניסטן האט די פאקט ווייניג געשמעקט, ס'טייטש מענטשן ווילן אוועקגיין פון אונזער קאמוניסטשן גן עדן? ניין, זיי האבן געשטעלט א גרעניץ אינמיטן שטאט מיט שווערע וואך און שטרענגע גרעניץ אדורכגענג צווישן די צוויי טיילן פון בערלין. אבער ס'האט זיי ווייניג געהאלפן, צענדליגע טויזנטער וואס האבן געזוכט צו לעבן אין פרייהייט האבן זיך געטראפן א וועג אריין קיין מערב בערלין.

עס האט דערגרייכט א קלימאקס ווען עס זענען נישט איבערגעבליבן קיין נארמאלע מענטשן אין מזרח דייטשלאנד... נאר די פאנאטישע קאמוניסטן וואס זענען געווען גרייט צו ליידן פאר זייער פארדרייטע אידעאלאגיע זענען געבליבן, אבער דאן האבן

מענטשן פון אלע קאמוניסטישע לענדער ארום און ארום אנגעהויבן קומען קיין בערלין, ווייל עס איז באקאנט געווארן אז פון דארט קען מען זיך גרינג אריבער כאפן צו די מערב וועלט.

דאן האבן די קאמוניסטן באשלאסן זיך צו נעמען אין די הענט אריין, אום חודש אב תשכ"א, למספרם 1961, האט דער הויפט פון די קאמוניסטישע טייל פון דייטשלאנד, איינער מיטן נאמען וואלטער אלבריך, פאראררדנט צו בויען א וואנט ביים גרעניץ צווישן די צוויי טיילן פון בערלין, אינמיטן שטאט!

טאקע נאך יענע נאכט זענען געלייגט געווארן גרויסע שטעך-דראטן איבער דעם גאנצן גרעניץ. אביסל שפעטער איז געבויעט געווארן א גרויסע הויכע צעמענטענע וואנט אפצוטיילן צווישן די צוויי טיילן פון בערלין, אינאיינעם מיט דעם זענען געבויט געווארן הויכע וואך טורעמס ווי עס זענען געשטאנען וועכטער און פשוט דערשאסן יעדן וואס האט נאר פרובירט צו אריבער גיין דעם וואנט.

דער וואנט איז באקאנט געווארן אלס "דער בערלינער וואנט". און איז געווארן א סימבאל אין די מערב וועלט פון די אונטערדריקונג וואס גייט פאר אין די סאוויעטישע לענדער.

פאר פינף און צוואנציג יאר איז דער בערלינער וואנט געשטאנען מיט שטאלץ און צעטיילט בערלין אין צוויי.

דאן איז געקומען פרעזידענט רעיגען פון די פאראייניגטע שטאטן...

דער פרעזידענט רעיגען איז געווען גארנישט אנדערש ווי א פרעזידענט היינט... דאס הייסט אז דאן זענען אויך אידן ליידער געזיצן און זיך גע'טענה'ט אויף הויכע טענער... פארפאלן, די וואס האבן זיך דעמאלטס גוט אויסגעשריגן האבן נאכדעם ארויסגעהאט די מצב קלאר... אפילו יעצט מיט כמעט פערציג יאר שפעטער זענען זיי נאכאלץ קלאר אין די זאכן וואס מען האט דעמאלטס געדארפט קלאר ארויסהאבן, יא יא מה שביד בטוח...

פרעזידענט רעיגען איז אין תשמ"ז ולמספרם 1987 געקומען אויף א באזוך צו דעם דעמאקראטישן טייל פון בערלין, און ער האט זיך אויפגעשטעלט געבן א רעדע פארנט פונעם גרויסן וואנט, די רעדע איז געווען געווענדן צום גענעראל סעקרעטאר פון רוסלאנד און דער הויפט פון די סאוויעטן פארבאנד, מיכאיל גארבאטשאוו (דער נאמען רעדט פאר זיך אליין...).

אינמיטן די דרשה האט רעיגען געהאקט אויפן שטענדער און געגעבן א שריי אויס מיט פאטאס: "מיסטער גארבאטשאוו, רייס אראפ דעם וואנט"!

דעם קומענדיגן טאג האבן אלע גרויסע צייטונגען געמאלדן אויפן פארנט בלאט "ברעכענדיגע נייעס (ס'הייסט ברעכענדיגע נייעס ווייל נייעס מאכט ברעכן), רעיגען רופט צו גארבאטשאוו צו אראפרייסן דעם בערלינער וואנט". די גאנצע וועלט האט זיך דאן געדרייט ארום די געציילטע ווערטער "מיסטער גארבאטשאוו, רייס אראפ דעם וואנט"!

מיט אביסל פון צוויי יאר שפעטער איז די וואנט טאקע געפאלן... ניין, נישט ווייל די ארמיי איז אריינגעקומען מיט טאנקען און שווערע בולדאזערס, נאר ווייל אום נאוועמבער 9 1989 למספרם פון איין מינוט אויפן צווייטן האבן צענדליגער טויזענטער בערלינער געכאפט האמערס און זעגן, און צוביסלעך אנגעהויבן צו צונעמען דעם וואנט שטיקל ביי שטיקל... און אזוי איז די בערלינער וואנט אראפגעקומען, די קרעדיט האט דעמאלטס יעדער געגעבן פאר פרעזידענט רעיגען פאר זיין געלונגענעם 'רייס אראפ דעם וואנט' רעדע.

רעיגען איז שוין זינט דאן פארבליבן באקאנט אין די היסטאריע ביכער מיט דעם באקאנטן רעדע, און ווען ער איז געשטארבן מיט פופצן יאר שפעטער האבן אלע גערעדט פון אט דעם דרשה.

* * *

וואס האבן מיר בכלל צו וויסן וואס עפעס א נישטיגער גוי האט געזאגט מיט כמעט פערציג יאר צוריק? דאס אז ער איז געווען פרעזידענט מאכט אים נישט וויינעגער פאר א נישטיגער גוי, און אזוי איז ביזן היינטיגן טאג.

דעם ענטפער ווייסן מיר פון צדיקים, מען זאגט נאך פונעם הייליגן חפץ חיים, אז ווען ס'פאסירט א נייעס אויף דער וועלט מיינט מען די אידן, און אז מען מיינט די אידן דארף מען זען וואס מען קען ארויסנעמען פון דעם, בפרט אז מיר ברסלב'ע חסידים הערן יעדן טאג נאכאמאל פונעם ראש ישיבה שליט"א אז מען קען זען דעם אייבערשטן אין יעדן זאך.

איך וועל מיך אויסדרייען צום אייבערשטן און אים בעטן "הייליגער באשעפער, רייס אראפ דעם וואנט! רייס אראפ דעם וואנט וואס דער ס"ם האט געבויט ארום דעם הייליגען רבי'ן! פארוואס זאל דער הייליגער ברסלב'ער רבי - וואס קען העלפן יעדן מקטן ועד גדול - זיין אזוי פארשעמט, פארוואס זאל מען אין די גרויסמעדרעש פון די ... קהילה לאכן ווען מען זעט א ברסלב'ער וואס פארמאגט תכלת אויף זיין טלית קומט אריין? פארוואס צורייסט מען גליונות און ספרים וואס טראגן דעם רבינ'ס נאמען? פארוואס הייליגער באשעפער קענען אידן גיין איבעראל אין די גאנצע וועלט, אבער ווען מען הערט אז איינער איז געפארן אויף אומאן האקט די משפחה אפ מיט אים? הייליגער באשעפער, רייס אראפ דעם וואנט!".

איך וועל מיך אויסדרייען צום יצר הרע און אים זאגן: "יצר הרע, רייס אראפ דעם וואנט"! דעם וואנט וואס דו האסט אויפגעבויט ארום מיר מיך איינצורעדן אז דער אייבערשטער איז ברוגז אויף מיר, אז דער אייבערשטער איז נישט אינטערעסירט אין מיין פשוטע ארימע דאוונען, און אז דער אייבערשטער ערווארט עכט פון מיר עפעס אנדערש. יצר הרע פארוואס לאזטו מיך נישט זיין פרייליך אז איך בין א איד? פארוואס לאזטו מיך נישט טאנצן פאר שמחה יעדן טאג אז כ'האב געלייגט טלית און תפילין? הייליגער באשעפער, רייס אראפ דעם יצר הרע'ס וואנט"!

און איך וועל מיך אליינס זאגן: "... טייערער, רייס אראפ דעם וואנט"! דעם וואנט וואס איך האב מיך אליינס אויפגעבויעט ארום מיר, און איך לאז נישט קיינעם אריין הנאה האבן פון דעם גרויסן נחל נובע, דעם וואנט וואס לאזט מיר נישט פארשפרייטן פאר אנדערע די עצות און חיזוק פונעם הייליגן רבי'ן ווייל 'כ'שעם מיך'. הייליגער באשעפער "רייס פון מיר אראפ דעם וואנט"!

און צום לעצט: צו אלע אנשי שלומינו וואס טרעפן כסדר אנדערע אנשי שלומינו. איר קענט אראפ רייסן אייערע ווענט, אבער ביטע רייסט נישט אראפ קיין מענטשן! קיינער איז נישט שולדיג אז נעכטן האט איר באשלאסן צו זיין אין א שלעכטע גוסטע, איז ממילא אייך אלעס געגאנגען מיטן קאפ אראפ, אזוי אז היינט האט איר שוין א תירוץ צו זיין אין א שלעכטע גוסטע ווייל נעכטן איז דאך אלעס געגאנגען דרום...

ביטע האב אביסל איינזעעניש פאר אנדערע און ברענגט נישט אריין די מצב פון זיך אראפרייסן איינער דעם צווייטן. אז עפעס דרוקט, גייט התבודדות און רייסט ווענט, אבער לאזט דעם עולם רוען.

פארגעסט נישט צו הערן שיעורים און ליינען עצתו אמונה אויפ'ן וועג, א דאנק!

# פנינים

# אן אויסגערוטע יאר!

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו: מוהרא"ש זאגט (הנהגות ראש השנה, סדר קימה): "צריך שתדע בני", וויסן זאלסטו, "שמובא בפוסקים בשם הירושלמי", עס ווערט געברענגט אין די פוסקים (עיין ב"ח אורח חיים, סוף סימן תקצז), "מאן דדמיך בריש שתא", ווער עס שלאפט אנהויב יאר "דמיך מזליה", פארשלאפט זיין מזל פון א גאנץ יאר, "ולכן צריכים להזהר ביותר בראש השנה לקום קודם אור היום שיהיה ער", דעריבער דארף מען זען אויפצושטיין פארן עלות.

א לעבעדיגע אפטייטש פון דעם שטיקל עצתו אמונה שפילט זיך אפ אין די פארטאגס שעה'ן פונעם הייליגן טאג ראש השנה ביים בנין היכל הקודש אויף די בילאצערקיוויסקא גאס (איך האף ס'איז גוט געספעלט...), ווי עס איז לילה כיום יאיר. אנגעהויבן פון פירע פארטאגס, קינד און קייט זענען אויף ווי מ'וואלט זיך יעצט אויסגערוט ביי זיך אינדערהיים א פולע נאכט שלאף, עס זעט נישט אויס ווי די ציבור זענען פארמאטערט און האלטן נאך עטליכע שלאפלאזע נעכט פון פארן אויף די וועגן און שטעגן...

דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף גמרא פאר א געפאקטע בית המדרש, און עלטערע אידן, אינגעלייט, בחורים, און קינדער, א טייל אנוועזנדע שטייען מיט ספרים אין די הענט וואס זיי האבן נארוואס מסיים געווען און ברענגען דעם סיום פארן רבי'ן, אזוי ווי דער ראש ישיבה איז מעורר, און וועלן דאס מסיים זיין נאכן דף שיעור, ברוב עם; דער ש"ס, א צווייטער זוהר, א דריטער שולחן ערוך, איינער א מסכתא, איינער א ספר פון רבי'ן און אזוי ווייטער.

אגב, פאר עטליכע יאר פלעג איך זיך פירן צו גיין צום ציון ראש השנה פארטאגס און אויסזאגן דארט גאנץ ספר תהילים, אבער זייט דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן פארלערנען דעם דף און נאכדעם גיין צום ציון האב איך ליבערשט געוואלט זיין ביים שיעור און גיין מיטן ראש ישיבה צום ציון, אבער מ'קען דאך נישט זיין ביי ביידע אויף איינמאל, האב איך געמאכט א שטיקל פשרה, אז איין טאג בין איך געווען ביים שיעור, און איין טאג אויסגעזאגט תהילים ביים ציון. למעשה די יאר האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב עס איז דא א ספעציעלע ענין אויסצוזאגן תהילים ביים רבינ'ס ציון, האט ער מיר געזאגט אז אויסזאגן גאנץ תהילים פאר זיך איז א גרויסע זאך, עס האט נישט מיטן עס טון ביים רבינ'ס ציון, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ער זאגט דעם יום תהילים ביים ציון און ער איז זיך מתבודד.

איינער פון אונזערע טייערע חברים איז פארשלאפן איין טאג ראש השנה דעם עלות, ער איז געווען צעטומלט און צעמישט און אביסל צעבראכן, ער האט זיך געשלעפט מיט אזויפיל יגיעות און טירחות צו זיין ראש השנה ביים רבי'ן, עס האט אים אפגעקאסט ממון ודמים, און פארשטייט זיך אסאך תפילות און בקשות, און דא האלט ער שוין ביים שפיץ, און ער האט דאס פארפאסט.... ער איז פארשלאפן און ווארשיינליך פארשלאפן זיין מזל... זיין יאר... 'וואס גייט דא זיין...?' טראכט ער צו זיך...

נאך די סעודה איז ער צוגעגאנגען צום ראש ישיבה דערציילן זיין ווייטאג און בעטן חיזוק אויף דעם וואס ער איז פארשלאפן... האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן צו אים: "פאריאר ביסטו אויפגעשטאנען פרי פארטאגס, ביסט געווען גוט מיד, האסטו געהאט א מידע יאר, היי יאר האסטו זיך פיין אויסגערוט - וועסטו האבן א פיינע אויסגערוטע יאר..."

אזא שיינע לימוד... דער צדיק מאכט אונז ליכטיג דאס לעבן מיט זיינע ליכטיגע עצות און שכל, דער צדיק לאזט אונז נישט זיין צעבראכן, ער לערנט אונז ווי אזוי צו זיין פרייליך און פאזעטיוו אין אלע אומשטענדן, האבן אמונה און זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, ער לערנט אונז זיך אכטונג צו געבן פונעם סמ"ך מ"ם וואס וויל אונז נאר צעברעכן און דערווייטערן פונעם אייבערשטן און פון די תורה און מצוות.

דער גרויסער גאון און מקובל הרב יהודה משה ישועה בן רבי משה פתיה (געבוירן ב' בשבט ה'תרי"ט, און נסתלק געווארן כ"ז באב ה'תש"ב, זעט דעם בילד) האט דערציילט, איין יאר זייענדיג אין באגדאד (דער מקובל איז געבוירן אין באגדאד און געלערנט ביים הייליגן בן איש חי זכותו יגן עלינו) איז געווען גאר א הייסע ראש השנה, דער ציבור האט יענע יאר געמאכט קידוש און געגעסן די סעודות אויף די דעכער ווייל

יואל שניצלער

עס איז געווען זייער הייס און די שטיבער.

דער מקובל ביים זיך גרייטן צו עסן די יום טוב'דיגע סעודה, האט זיך אויסגעטון זיין אויבער מלבוש, צוליב די גרויסע היצן, און זיין האנט האט זיך בטעות פארכאפט אין די לייכטער, און די לעכט האט זיך אויסגעלאשן, און זיינע שיינע קליידער זענען געווארן אנגערינען מיט די אויל און פארפלעקט געווארן.

ער האט אויסגעשאסן אין א געלעכטער צו בארואיגן זיין ווייב, און ער האט געמאכט קידוש אין די טונקלקייט פון די נאכט... שוין מ'האט געמאכט קידוש... מ'הייבט אן די סעודה, די רעבעצין זיינע וויל אריינברענגען די זופ און די פלייש וואס זי האט געברענגט אויף א גרויסע טאץ, אויפן וועג ארויף צו די דאך וואו זיי האבן געגעסן האט זי זיך איבערגעדרייט מיטן טאץ אינאיינעם און אלעס האט זיך אויסגעגאסן און זיך אויסגעשפרייט אויף דער ערד, זי האט אנגעהויבן וויינען...

דער צדיק האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און איר געקומען העלפן קומען צו זיך און אויפהייבן אלע עסן וואס האט זיך אויסגעגאסן אויף דער ערד, ער האט איר געהאלפן אריינברענגען צום טיש די עסן וואס מ'האט נאך געקענט ראטעווען און ער האט איר בארואיגט.

ווען דער צדיק האט זיך שוין ענדליך אראפגעזעצט צום טיש עסן די שיריים פון די אויסגעגאסענע זופ און פלייש דערזעט ער פאר זיך א קעצל... די קעצל פרעגט נישט קיין שאלות... זי האט אן עונג יום טוב פון די פיינע פלייש... וואס קען זיין בעסער פון דעם...?

אנשטאט זיך ברעכן פאר די שווערע סיטואציע און זיך חס ושלום פארלירן, רופט זיך דער צדיק אן בזה הלשון: "שטן שטן... איך ווייס איז דו ביסט געקומען אין דעם גרויסן הייליגן טאג ראש השנה מיך אויפצורעגן און מיך פרואוון עובר צו זיין אויפן רצון הבורא און ווערן בצער, ניין ניין, זאל זיין וואס זאל זיין, איך וועל ווייטער בלייבן פריילך..." ער האט אנגעהויבן צו זינגען און טאנצן, און זיך אנגערופן אז אין זיין לעבן האט ער נישט געהאט אזא מוצלח'דיגע און געבענטשטע יאר ברוחניות ובגשמיות אזוי ווי יענע יאר...

דאס לערנען אונז די הייליגע צדיקים, אפילו מ'קען טראכטן אז אינעם גרויסן



טאג ראש השנה גייט מיר כאפויער, צייגט דאס מן הסתם אויף א דורכפאל פון א יאר, אבער ניין ניין, חס ושלום, עס וועט יא זיין גוט, עס וועט קומען א גוטע ליכטיגע פרייליכע יאר.

אין די נוסח פון קידוש לבנה זאגן מיר "סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל", לויט די אויבנדערמאנטע שמועס קען מען אפשר זאגן, אז די כוונה איז, מ'שטייט א ציבור אידן וואס דאנקען דעם אייבערשטן אויף די באנייאונג פון די לבנה, אויבנאויף זעט מען גארנישט, מ'זעט א דינע שטריך, קוים א משהו פון א פלאנעט וואס דארף אונז באלייכטן די נעכט, אבער מיר זאגן "סימן טוב ומזל טוב", לאמיר טרעפן דא א גוטע סימן, ס'מוז דא ערגעץ זיין פארשטעקט א גוטע סימן, אז מ'זעט טאקע קוים א טראפל ליכטיגקייט, אבער יעצט הייבט זיך אן א פרישע חודש, יעצט ווען מ'זעט גארנישט הייבט אן צו לייכטן און שיינען.

נאך א ביישפיל פון ריכטיג אננעמען און באטראכטן א סימן טרעפן מיר אין א בריוו, ווי דער ראש ישיבה שרייבט: אין די תקופה ווען מוהרא"ש האט נישט געקענט זיין אין ארץ ישראל, ווייל די ערב רב האבן אים געוואלט איינזעצן אין תפיסה איז מוהרא"ש אמאל געווען אין קרית יואל ביים ציון פון הרב הקדוש מסאטמער זכותו יגן עלינו וואו ער האט זייער געוויינט אויף דעם וואס ער האט אזויפיל רדיפות וכו', שפעטער ביינאכט האט זיך מוהרא"ש גע'חלומ'ט ווי ער שטייט פארן רבי'ן פון סאטמער זי"ע און ער דערציילט אים פון זיינע רדיפות, און דער רבי זי"ע האט אים געזאגט: "דאס דארף דיך מחזק זיין, אז דו זעסט ווי שווער עס גייט דיר יעדע זאך איז דאס א סימן אז דו ביסט פון די קדושה. ווען עס וואלט דיר אלעס געגאנגען גרינגערהייט וואלט מען געקענט טראכטן אויף דיר אז דו ביסט נישט פון די קדושה"; מוהרא"ש האט זיך אויפגעוועקט און זיך זייער מחזק געווען; פארשטייט פון דעם רמזים ווי אזוי דו זאלסט זיך מחזק זיין. ע"כ.

אויב א סימן - דארף דאס אלץ זיין אויף די גוטע זייט, די זייט פון האפענונג, די זייט פון גלייבן אז עס וועט זיין גוט, דער אייבערשטער האט אונז ליב, ער מאכט אונז נאר גוטס, די זייט -פון וויסן אז די צדיקים ווילן אונז העלפן און זיס מאכן אונזער לעבן מיט זייערע ליכטיגע עצות און לימודים.

אברהם משה שטראססער

# בר מצוה / טיטאניק

וואס פעלט אויס ער זאל וויסן,
ער איז נאך יונג,
פארוואס דארף מען רעדן צו אים חיזוק,
פארוואס טראכסטו שוין אז ער גייט פאלן.

מען יאגט מען לויפט,
ענדליך אנגעקומען,
מיט די נשמה אין האנט,
זיצט שוין באקוועם? יא!
די גארטל פארמאכט? יא!
די זיץ איז גראד? יא
פעקלעך אין פלאץ? יא!
פארמאכט די קאמפארטמענט? יא!
פיין! יעצט וועלן מיר דעמאנסטרירן א קורצע פארשטעלונג.

יעדער זאל זיך צוהערן:
ברוכים הבאים צו די ... עירליינ'ס,
די פליגער איז געבויט מיט אזא שטארקייט,
עס וועט קיינמאל אראפפאלן,
עס קען קיינמאל אויסגיין פון אקסעדשין,
עס איז נישטא אזא זאך אז די פליגער זאל קראכן,
אין די היסטאריע פון אונזער קאמפאני האט קיין איין פליגער נישט געקראכט,
זעכצן זיבעצן מיליאן פליגער קורסירן אין די לופטן א יאר,
ניטאמאל א פראצענט פון זיי קראכן,
א ערליכע פרעזענטאציע!

האט איר שוין אמאל געהערט אזא פרעזענטאציע?
ניין!
א פליגער וועט זיך נישט הייבן איידער זיי וועלן דעמאנסטרירן:
א פליגער קען אראפפאלן,
עס קען אויסגיין פון אקסעדזשין,
עס איז אויסגעשטאט מיט לייוו-וועסטלעך,
אויב קראכט עס העכערן ים.
עס זענען פארהאן כך וכך ארויסגענג,
עס וועט ארויסקומען א גליטשער,
לאזט איבער אייער שיך...
געבט קודם לופט פאר זיך, און דערנאך פארן קינד,
פארוואס?
פאר די 0.00 פראצענט אז אפשר וועט מען קראכן.

איין פליגער איז געווען א אויסנאם,
עס איז טאקע נישט געפלויגן אין די לופטן,
עס איז געשווימען אין אייזיגע וואסערן,
די מאנשאפט האבן זיך נישט געקימערט מיט קיין סעיפטי,
ניטאמאל האט מען צוגעשטעלט די מינימאלע זיכערהייט,
ווייל... עס איז אזא פארזיכערטע שיף,
עס וועט נישט און עס קען נישט זינקען.

דער סוף פון דעם שווימענדיגען פליגער ווייסן מיר דאך אלע,
די היסטארישע טראגעדיע פונעם טיטאניק.

א קליין קינד לאזט זיך ארויס אויף א רייזע,
מען קען זאגן זעלטן אז איינער זאל בשלום אריבערגיין אזא רייזע
סיי סטאטיסטיקלי און סיי פראצענטואל זענען די נומערן פון די פאטאליטעטן וואס פאלן אין די רייזע וואס הייסט "לעבן" אויף גאר א הויכע ראטע,
די פאטאליטעטן זענען נישט קיין פארגלייך צו קיין שום מאטאריסטישע פאטאליטעטן.

אבער... שאאאא... וואס דארף ער וויסן פון פראבלעמען?
וואס דארף ער וויסן אז עס איז דא אזא זאך ווי,
ליסטע: נישט לייגן תפילין, נישט היטן שבת, קוקן שלעכטע זאכן,
א שנאה צו אידישקייט,
ער/זי איז דאך זויבער,
נו וואס פעלט אויס צו זאגן: געב אכטונג!
וואס פעלט אויס צו זאגן אז אויב די פליגער פאלט, איז נישט סוף וועלט?
עס איז דא אקסעדזשין,
עס איז דא רעטונג'ס וועסטלעך,
עס איז דא רעטונג שיפלעך,
דו ביסט נישט אליין,
אויב גייסטו אראפפאלן גייסטו קענען תשובה טון,
אויב גייט דיר זיין שווער צו לערנען קענסטו זאגן די ווערטער,
און זיי געוואורנט עס איז דא פלעצער וואס דו קענסט נישט אנרירן נישט ביי דיר און חס וחלילה ביי אנדערע.
אויב ביסטו אויפגעשטאנען אין טאג אריין, הייב אן פון יעצט זיין אן ערליכער איד.
גרייט אים אן פאר די רייזע, מאך זיכער אז ווען עס גייט קראכן זאל ער נישט דערטראנקען ווערן.

ניין! יעצט ביסטו א בר מצוה בחור, זע אויפשטיין פארטאגס און רייסן שטיקער...
מעגסט עס זאגן... בתנאי: דו פארלייקנסט נישט אז עס קען פאלן און דו געבסט אים די זיכערהייט מאסנאמען.

**גדולה תשובה שקדמה לבריאת עולם!**

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## הכרת הטוב

### שאלה

**מיר ווייסן אז אלעס טוט דער אייבערשטער, אויב אזוי פארוואס דארפן מיר דאנקען א מענטש ווען זיי טוען אונז א טובה?**

**רחל ז.**

### ענטפער

דאס איז זייער א גוטע שאלה, און מיר האבן זייער הנאה דאס צו ענטפערן. אין דעם שאלה ליגט זייער א וויכטיגע יסוד אין אידישקייט, און א גאר שטארקע לימוד וואס מיר קענען מיטנעמען אויף אונזער גאנצע לעבן. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז עס איז נישטא קיין שענערע מידה פאר א איד ווי "הכרת הטוב".

דער אמת איז, אז אלעס וואס פאסירט צו אונז קומט נאר פונעם אייבערשטן אליין, און מיר דארפן וויסן קלאר און איינערקענען אז נאר אים קומט זיך דער ישר כח פאר אלע גוטע זאכן וואס מיר האבן. אבער דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן אויך דאנקען און אנערקענען די שליחים דורך וועלכע ער שיקט אונז זיינע טובות.

ווען איינער טוט מיר עפעס א גוטע זאך, צום ביישפיל מיין מאמע אדער מיין ווייב האט געקאכט א פיינע נאכטמאל פאר די משפחה, אירע כוחות צו קענען קאכן, און די עסן וואס מען האט געניצט, און דאס געלט צו קענען איינקויפן און אלעס ארום איז א מתנה פונעם אייבערשטן. אבער די מאמע האט אוועקגעגעבן איר הארץ, איר צייט און אירע כוחות אויסצוניצן די טובות פונעם אייבערשטן פאר אונזערט וועגן. ווען מען זאגט איר "א דאנק" אדער "ישר כח", ווייזט מען הכרת הטוב סיי פאר איר און סיי פארן אייבערשטן.

אבער דאס גייט נאך מער, ווען א מענטש געוואוינט זיך צו צו דאנקען מענטשן פאר וואס זיי טוען, העלפט עס א מענטש צו קענען דאנקען דעם אייבערשטן, און וואס מער א מענטש לעבט מיט די מדה פון הכרת הטוב, העלפט עס דעם מענשט צו ווערן מער א פריילירכע און א צופרידענע מענטש.

ווייל יעדער מענטש האט זאכן וואס גייט אים שווער, אבער אויך האט ער אומצאליגע מתנות פונעם אייבערשטן, און עס ליגט אין די מענטש די בחירה צי ער וויל קוקן אויף זיינע צרות, און ער זאל ארומגיין א גאנצן טאג מיט אן אראפ געלאזטע נאז, און קאמפלעינען און האבן טענות אויף די גאנצע וועלט, אדער קען ער קוקן אויף די פילע האלבע פון די גלאז און ארום גיין פריילך און אויפגעלייגט, און פול מיט הכרת הטוב צו אלע זיינע ארומיגע און צום אויבערשטן אויף די אלע גוטע זאכן וואס ער באקומט ברוב רחמיו וחסדיו פונעם אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט זיך צוגעוואוינט נאך פון אלס קינד, אז ווען ער האט באקומען צו עסן האט ער נישט בלויז געזאגט א ברכה צום ביישפיל "בורא מיני מזונות", און דערנאך "על המחי'", נאר האט צוגעלייגט אייגענע ווערטער צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט פון די עסן, "ישר כח אייבערשטער פאר די פרעצלס, איך דאנק דיך באשעפער פאר די בענקל אויף וואס איך זיץ", און אזוי ווייטער.

א מענטש וואס דאנקט דעם אייבערשטן פאר די פילע גוטע מתנות וואס ער באקומט, ער איז באמת א רייכער מענטש. דער עושר וואס האט די שענסטע פאלאצן מיט פילע באדינערס וואס שטייען שטענדיג גרייט אים צו באדינען, אויב איז ער נישט פריילך מיט וואס ער האט איז ער נעבעך א גרויסער ארימאן וואס האט "גארנישט" אויסער געלט.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט זייער אסאך רעדן פון הכרת הטוב; אז א מענטש זאל שטענדיג האבן הכרת הטוב פאר איינעם וואס האט דיר געטון א טובה, בפרט פאר א רבי וואס האט אלעס אוועק געלייגט אין דער זייט, אבי אז נאך א איד זאל האבן א גוט לעבן, און נאך א איד זאל וויסן אז ער קען אויך לערנען די הייליגע תורה.

די בעסטע איז אז מען געוואוינט זיך צו נישט צו רעדן אויף קיין שום איד.

# היכל הקודש
# נייעס



## אמעריקע

## פארשריט אויפן נייעם אלבום וואס וועט זיין ספעציפיש פאר פרויען

אזוי ווי ביז יעצט וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעגעבן שוין פילע הערליכע מוזיק אלבומס פון וואס די אידישע וועלט האט זיך מחי' געווען, און ארויסגענומען חיזוק און הדרכה אויף למעשה, ארבעט מען יעצט אויף א פרישע אלבום. דער אלבום, אזוי ווי פילע פריערדיגע ווערט אראנדזשירט דורך דער מייסטער אראנדזשירער מו"ה סענדי ראטה הי"ו מיט די הילף פונעם באקאנטן בעל מנגן מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו. אבער דאס מאל קומט א חידוש, דער אלבום וועט קעיטערן ספעציעל פאר די חשובע פרויען.

עס איז אמת אז יעדער איינער קען נוצן חיזוק אין אמונה, תפלה, שלום בית, און אזוי ווייטער, אבער פילע ענינים וואס די פריערדיגע אלבומס האבן גערעדט האבן מער גערעדט צו מענער, און די פרויען האבן געבעטן אז מען זאל זיי אויך געבן אן אלבום. דערפאר האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן פאר דעם נייעם אלבום הערליכער הארציגע גראמען, וואס מען וועט ווי אייביג רעדן פונעם אייבערשטן, אז ער איז אלץ דא מיט אונז, און פון תפלה, מידות טובות און אזוי ווייטער, וועלן זיי אויך רעדן איבער ענינים וואס זענען נוגע בעיקר פאר פרויען און מיידלער, צום ביישפיל צניעות, זיך שערן די האר נאך די חתונה, און טרעפן דעם אייבערשטן אין די טאג טעגליכע שטוב ווערטשאפט.

אזוי ווי ביז היינט, שפארט מען נישט קיין צייט כח און געלט, מען נעמט די בעסטע שפילערס וואס מען קען, יעצט איז דא געווען צוגאסט א מייסטער גיטאריסט פון ארץ ישראל וואס זיין נאמען וואס פיגורירט שוין אויף חסידישע אלבום פאר צענדליגע יארן, אלס א גיטאראיסט וואס ספעציאלזירט זיך אין די חסידישע סטיל מוזיק. אין ארץ ישראל האט ער שוין ביז יעצט רעקארדירט כמעט אלע ניגונים, אבער יעצט אז איז ער געווען אין ניו יארק אויף א באזוך, האט מו"ה סענדי הי"ו אויסגענוצט די געלעגנהייט און ער איז אריבערגעגאנגען אין סטודיא מיט זיין ברודער מו"ה אייזיק הי"ו און רעקארדירט מוזיק פאר די איבעריגע ניגונים.

מו"ה אייזיק הי"ו פארציילט אז דער גיטאריסט האט אים געזאגט אז ער גלייכט זייער צו ארבעטן מיט זיין ברודער צוליב וואס ער פארשטייט גוט אן עסק ווען עס קומט צו מוזיק, און אייביג קומט ער אויף מיט שעפערישע געדאנקען וויאזוי צו ארויסגעבן הערליכע שטיקלעך.

אויפן אלבום וועט מען אויך בעז"ה ארויפלייגן א הערליכע קינדער כאר, אין באגלייטונג פונעם בחור הפלא שמעון פאקראש הי"ו וואס לייגט אראפ א הערליכע ארבעט, און באנעמט די הארץ מיט זיין מתיקות'דיגע שטימע. אזוי אויך וועט מען הערן די גראמען ארייגעזינגען דורכן ראש ישיבה שליט"א, וואס וועט אראפ זינגען די גראמען פון טיפעניש פון זיין הארץ, און עס וועט זיכער זיין נכנסים אל הלב, און וועט ארייגדרינגען אין די הערצער פון די ציהערער, וואס וועלן ארויסגיין דערפון מיט א הרהור תשובה, און עצות און חיזוק אויף למעשה.

די מעלאדיעס אויף וואס די גראמען לויפן זענען פון אלטע הערליכע חסידישע ניגונים, טייל באקאנטע, און צוגאב וועלן זיין עטליכע גאר שיינע אלטע פארגעסענע ניגונים, פון וואס מען וועט זייער הנאה האבן.

נאך די שווערע ארבעט פון עטליכע חדשים, זעט מען שוין ב"ה בסייעתא דשמיא די ליכטיגקייט פון די ענדע פונעם טונעל, די מוזיק פאר די צען ניגונים זענען שוין כמעט פארטיג, מען האפט צו פארטיג ווערן געניצליך נאך אינמיטן ווינטער בסייעתא דשמיא.





# קוּמְט אַ דְרִיטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה?

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.**

**אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס נֶעמְט מִיר מַמָשׁ צוּ דִי מְנוּחָה, אִיךְ לֵיין דִי נַייעֶס יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער מַצָב אוֹיף דֶער וֶועלְט ווערְט מֶער אוּן מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן צְוִוישְׁן אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן אִיךְ צִיטֶער אוֹיבּ עֶס וֶועט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מִלְחָמָה, וָואס עֶס קֶען חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁען. אַסאךְ מָאל קֶען אִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט אַייְנְשְׁלָאפְן פַאר נֶערְוֶועזְקֵייט, טְרַאכְטְנְדִיג וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן. אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם כָּל זָאלְסְטוּ וִויסְן עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען נִישְׁט לֵיינֶען שַׁבָּת קַיין צֵייטוּנְג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן שז, סְעִיף טז; עַיֵין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן סג). וּבִפְרַט אַז דָאס מַאכְט דִיר דֶערְשְׁרָאקְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט (מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן שז, סְעִיף קָטָן ג).

אֲפִילוּ אִין דִי וָואכְן טֶעג זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵיינֶען קַיין צֵייטוּנְגֶען וַוייל עֶס נֶעמְט צוּ דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוּמְזִיסְטִיגֶע פְּחָדִים וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער מְנַחֵת אֱלִיעֶזֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "**וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא אִין עֶנְק, "**וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף**", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי ווִינְט בְּלָאזְט אוֹיף דֶעם, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) אַז דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶער פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צֵייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס פוּן מִלְחָמוֹת וְכַדוֹמֶה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, ז) רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט, "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ ווִינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים!'", מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגֶ'נֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵויינְט אַז עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; **אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט.** מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בְּשַׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג אוּן קַיין שׁוּם מַאגַאזִין; דֶער גַאנְצֶער צֵייטוּנְג אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת אוּן אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף. דִי צִיל פוּן אַ צֵייטוּנְג אִיז נָאר צוּ וַוייזְן (צְפַנְיָה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", אִיךְ, אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אוּן עוֹלָם גוֹלָם שְׁטֵייט אוּן לֵיינְט דָאס בְּשַׁעַת מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס אִיז חוּץ דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט אַוֶועק דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווִיסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צֵייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה וואוּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס רַחְמָנוּת פוּן דִי וָואס לֵיינֶען שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת דֶעם נַארִישְׁן צֵייטוּנְג.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ, פֶּרֶק א): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים קלט, טז): "'**יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם', זֶה יוֹם שַׁבָּת לְיִשְׂרָאֵל; אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים**", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, "**יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלוֹ תּוֹרָה**", זָאל עֶר אוֹיסְנוּצְן שַׁבָּת אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, "**מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה, לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד**", דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּנְם מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה.

אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין קוּקְן אִין צֵייטוּנְגֶען וְכַדוֹמֶה וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

גרשון קרעמער




# אסאד רעזשים פון סיריע געפאלן

היסטאריע שפילט זיך אפ אין סיריע: די רעבעלן גרופע "האַיאַט טאַכריר אַל-שאַם" האבן איבערגענומען די הויפט שטאט דמשק, און דער לאנג-יעריגער דיקטאטור באשאר אל-אסאד איז געווען געצווינגען צו אנטלויפן, לויט טייל באריכטן קיין רוסלאנד.

אביסל בעקגראונד: ניינציג פראצענט סיריע באשטייט פון סוני-מוסלמענער, און בלויז בערך צען פראצענט זענען שיא-מוסלמענער, הויפטזעכליך אלאוויטן. די אלאוויטן זענען שטארק פארפיינטעט ביי די סוניס, וועלכע באטראכטן זיי אלס "כופרים". די אסאד משפחה, וועלכע שטאמט פון די אלאוויטן, האט געפירט דאס לאנד מיט אן אייזענע פויסט מער ווי פופציג יאר, ערשט דורך כאפעז אל-אסאד, און דערנאך דורך זיין זון באשאר.

די צוזאמפאל פון אסאד'ס רעזשים ברענגט אונז צו טראכטן ווי וויכטיג עס איז ריכטיג אויסצונוצן א צייט פון רואיגקייט. אסאד האט געהאט גענוג צייט געהאט צו פארבעסערן זיין מיליטער און זיך גרייטן פאר א פרישע אפענסיווע, אבער ער האט אויסגענוצט די רואיגע צייט צו שלאָפן. און ער איז געכאפט געווארן אין סורפרייז ווען די רעבעלן האבן זיך גענומען איבער זיינע קרעפטן מיט א בליץ-אפענסיווע און אים ארויסגעווארפן.

מיר דארפן דאס אריינעמען אין אונזער לעבן. און דוקא ווען מיר שפירן אז עס גייט אונז גוט, און מיר קענען טראכטן "ווער דארף חיזוק? וואס דארף איך דעם צדיק?" אבער דווקא דעמאלטס איז דאס דער בעסטער צייט זיך צו אנצושעפן מיט חיזוק, הדרכה און אמונת צדיקים. מיר קענען קיינמאל וויסן ווען דער קומענדיגער נסיון גייט אנקומען. מיר דארף זיין גרייט מיט די נויטיגע כלים און געווער.

די סירישע בירגער-קריג, ציט זיך שוין דרייצן יאר, און עס איז אינטערעסאנט צו זען די קאלירפולע אויסוואל פון פילע לענדער האבן געשטיצט די קעגנזייטיגע צדדים, פיל מאל האבן זיך פיינטליכע לענדער זיך געטראפן אין א מאדנע סיטואציע ביים שטיצן די זעלבע זייט פון איינע פון די צוויי צדדים. אסאד האט געהאט די מערסטע שטיצע פון רוסלאנד און איראן, יעדער איינער מיט זייערע חשבונות וואס מיט זייער הילף האט ער אנגעהאלטן זיין שליטה כאטש טיילווייז ביז יעצט.

אין די לעצטע וואכן האבן די רעבעלן באשלאסן אז יעצט איז זייער צייט, נאכדעם וואס זיי האבן זיך צוגעגרייט אין די לעצטע יארן שטילערהייט, האבן זיי געמאכט דעם חשבון אז איראן און רוסלאנד זענען יעצטביידע פארנומען מיט זייערע אייגענע פראבלעמען און מלחמות, און ווי דער ראש ישיבה זאגט אייביג, א חבר איז נאר דא ווען ער קען עפעס בענעפיטירן, אבער אין צייט פון קריזיס זעט מען ווער עס האט נאר געמיינט זיך, און אזוי איז טאקע געווען די רוסן און די איראנער זענען שנעל אנטלאפן, און די רעבעלן האבן גרינגערהייט ארויסגעשטיפט די אסאד קרעפטן פון די גרויסע שטעט און האבן בליץ שנעל איבערגענומען די מאכט, ביז אסאד האט געמוזט אנטלויפן קיין רוסלאנד, ווי פוטין האט אים געגעבן רשות אריינצוקומען מיט זיין משפחה.

לאמיר אויך אויסנוצן די צייט ווען עס איז שטיל, די קאפ איז אפן און מען קען פארנעמען צו הערן הדרכה און חיזוק פונעם צדיק, יעדער גייט דורך א צייט אין לעבן ווען ער דארף די חיזוק ווי אקסיגען צום אטעמען, און מען קען קיינמאל נישט וויסן ווען עס וועט אנקומען. לערן נאך א בריוו אשר בנחל, הער אויס נאך א חיזוק שיעור פון ראש ישיבה שליט"א, דאס איז דיין געווער וואס וועט דיר געבן די כוחות צו געווינען דיין קריג.

## א מענטש האט נישט קיין חברים!





# פרעזידענט ביידען פארדאנירט זיין זון

דער אמטירנדער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן דזשאו ביידען, וואס איז שוין מיט איין פיס אינדרויסן האט באשלאסן אין די לעצטע טעג פון זיין קאדענץ צו באגנאדיגן זיין זון האנטער.

די געשיכטע פון האנטער ביידען גייט צוריק א לאנגע צייט, עס איז שווער איבערצוגיין אלע דעטאלן, אבער בשעת טראמפ איז באשולדיגט געווארן אין זיך אננעמען פאר רוסלאנד, און אז רוסלאנד האט אים צוגעהאלפן געווינען זיין ערשטער טערמין, האבן זיינע קעגנער באשולדיגט ביידען אין זיין משוחד פון אוקריינע, ווען ער איז געווען אין די באורד פון די אוקראינישער באריסמע אויל פירמע בשעת זיין טאטע איז געווען וויצע פרעזידענט. דער פאזיציע איז געווען בלויז א טיטל אן א מיטל, און זיינע באשולדיגער טענה'ן אז די סיבה פארוואס די פירמע האט אים באצאלט אזויפיל געלט איז בלויז צו קענען שטופן די אבאמא-ביידען אדמיניסטראציע צו אינטעווינירן אין אוקראינע לטובת דער פירמע.

כאטש ביידען האט פארשפראכן אז טראץ וואס ער אלץ פרעזידענט האט די כח צו פארדאנירן וועם ער וויל, וועט ער עס נישט טון פאר זיין זון, צוליב "קאנפליקט אף אינטערעסט", און ער וועט נאטורליך אלס טאטע נאר זען די אומשולד פון זיין זון, האט ער יא ארויסגעגעבן א דעקרעט וואס טוט ריינוואשן זיין זון און אים באגנאדיגן פון סיי וועלכע פארברעכן ער זאל נאר האבן געטון אין אמעריקע אין די לעצטע עלעף יאר.

טראץ וואס פילע פאלטיקאנטן - בעיקר אויף די לינקע זייט - ברויזן, איז עס אבער געווען צו ערווארטן, ווייל א טאטע בלייבט א טאטע, טראצדעם וואס עס איז באקאנט אז דער האנטער האט געמאכט אסאך בזיונות פאר זיין טאטן, ער האט געליטן פון אים אסאך צער גידול בנים... קען קיינער נישט אוועקנעמען די רחמנות פון א טאטע צו זיינע קינדער.

דאס דארפן מיר אויך געדענקען אין אונזער לעבן, מיר זענען טאקע נישט געווען וואויל, אבער דער אייבערשטער איז דער בעל הרחמים, דער מקור החסד, און זיין רחמנות איז אומבאגרענציט, אז מיר וועלן אים נאר איבערבעטן און מודה זיין אז מיר זענען נישט געווען גוט, וועט דער "חנון המרבה לסלוח" אונז באגנאדיגן נאך אסאך שטערקער און בעסער פון דעם פרעזידענט צו זיין זון. דער באשעפער וועט אונז שטעלן אויף א פלאץ ווי אפילו צדיקים גמורים קענען נישט גרייכן. דאס קען א פרעזידענט נישט טון.

ווי דער ספעשל קאנסול וואס איז געשטעלט געווארן אויף דעם קעיס האט געזאגט אז ער גייט ווייטער מיט די קלאגעס, זאגענדיג אז ער האט טאקע באקומען פארדאן ער זאל נישט קענען באשטראפט ווערן, אבער ער קען נאך אנגעקלאגט ווערן.

בשעת די אויספארשונגען זענען ארויפגעקומען נאך פילע באשולדיגונגען אויף אים, איינס אז ער האט ליגענט געזאגט אויף זיין אפליקאציע צו קויפן א ביקס, שרייבענדיג אז ער נעמט נישט קיין דראגס, בשעת ער האט שטארק געליטן פון צוגעבינדענקייט צום סם המות. אזוי אויך ווערט ער באשולדיגט אין שטייער שווינדל, אז ער האט נישט באצאלט באצייטענס זיינע שטייערן פאר די אמעריקאנער רעגירונג.

מיר אבער וועלן ארויסגיין דורך וידוי דברים צום אייבערשטן מיט א פולקאמע פארדאן, א גענצליכע מחילה סליחה וכפרה, אן קיין שום פלעק.

**חנון המרבה לסלוח!**

# געדאנקען

## א אומצופאטשקעטע קאריערע

אז מ'פארברענגט מיט דעם ראש ישיבה שליט"א דאנערשטאג, פרייטאג, שבת און זונטאג, איז דאך אוודאי און אוודאי דא וואס צו דערציילן.

דאנערשטאג נאכט, פרשת תולדות, איז די ניין אזייגער שיעור פארגעקומען אין שטעטל, מען האט אנגעהויבן מיט צוויי וויזניצע ניגונים, "שבענו מטוביך" און "והנחילנו".

די לעצטע צען מינוט פון די שיעור האט דער ראש ישיבה אויסגענוצט אויף צו חוזק מאכן פון מענטשן וואס האבן נישט קיין געלט, און לייגן זיך צוגרינד צו קויפן פאר די חתונה עכטע בלומען וואס גייט אין מיסט. דער ראש ישיבה האט אנגעוויזן אויף די ביטערע מציאות, אז די זאך פון טייערע שמחות, דאס גייט אן אפילו ווען מענטשן באקלאגן זיך אז די עקאנאמי' איז אין א קראך, אבער די טייערע שמחות, און די טייערע עכטע בלומען ביי די חתונה, דאס קראכט נישט... אפילו אויב דער מחותן האט נישט קיין ברויט צו עסן, און אפילו אויב מ'שנארט און מ'בארגט, אבער עכטע בלומען מוז אייביג זיין... ממילא ווערט ס'זוכט א-recession proof ביזנעס, האט דער ראש ישיבה געזאגט מיט שפאס, זאל האנדלען מיט די סארט זאכן וואס מוז זיין ביי די טייערע שמחות....

נאכ'ן שיעור בין איך געווען ביי די בר מצוה פון הבחור החשוב שלום יאקאבאוויטש נ"י, דארט האב איך נאכאמאל געזען דעם ראש ישיבה.

■

פרייטאג צופרי, האב איך געזען דעם ראש ישיבה פאר די צען אזייגער מנין, דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינעם, וואס טוט זיך? האט יענער געענטפערט שכח פאר אלע דרשות פון שלום בית, האט דער ראש ישיבה געזאגט: דו האסט דאך א וואוילע ווייב! (אזוי ווי, וואס דארפסטו אזוי פיל שלום בית דרשות?!).

פרייטאג צו נאכט'ס פאר מנחה, האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט איינעם, ס'איז אויסגעקומען צו רעדן פון די רדיפות וואס מ'רודף'ט מענטשן פאר'ן חטא פון ווערן מקורב צום רבי'ן, די משפחה האקט אפ, מ'רעדט נישט מיט זיי, און אז דו וואס רודף'ן און פארשעמען און האקן אפ, מאכן זיך ווי וואוילע זיסע אומשולדיגע שעפעלער, און וויינען מיט קראקאדיל טרערן ווי געפערליך ס'איז אז זייער קינד זאגט משניות און רעדט שיין צו זיין ווייב און קינדער און מאכט נישט קיין חובות ביי די וואכנאכט.

פרייטאג צו נאכטס האט דער ראש ישיבה דערציילט (איך בין נישט דארט געווען, כ'האב עס נאכגעהערט) די מעשה פון הייליגן רבי אייזיקל קאלוב'ער זכותו יגן עלינו, וואס יעדן ערב שבת איז ער געפלויגן מיט א שם קיין ארץ ישראל זיך טובל'ען, און צוריק געקומען קיין קאלוב גלייך דערנאך. איינמאל אין א ערב יום כיפור האט זיין געטרייער תלמיד ר' יעקב פיש ז"ל געוואלט מיטגיין מיט אים, האט ער אים מיטגענומען, אבער ר' יעקב פיש האט געוואלט זיך זוימען אביסל אין ארץ ישראל, ער האט זיך נאכגישט געקענט שיידן, איז דער הייליגער קאלוב'ער צוריק אן אים, איז געקומען ר' יעקב פיש'ס ווייב פרעגן וואס גייט דא זיין? ווי אזוי וועל איך צוריק האבן מיין מאן דא? האט דער קאלוב'ער געענטפערט אז מוצאי יום כיפור וועט ער זיין צוריק, וכך הוה.

האט איינער געפרעגט דעם ראש ישיבה: "איז היינט אויך דא אזעלכע מעשיות?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "אין די צייטן פון הייליגן קאלוב'ער האט אויך דער המון עם נישט געוואוסט אז ס'איז דא אזעלכע מעשיות...".

נו, ווער פון די ליינערס וויל דאס געבן צו פארשטיין?... ביי מיר דארף עס נישט קיין הסבר ברוך השם, יעדע מאל וואס ס'איז דא א ערליכער איד וואס שרייט פאר די גאנצע וועלט "גיי צוריק צום אייבערשטן" קען מען זען וואונדערליכע זאכן, סיי אין פרנסה, סיי אין געזונט, סיי אין שידוכים, און מענטשן פון די גאס זאגן "האק נישט קיין קאפ מיט נסים, אמאל איז געווען נסים, אבער נישט היינט".



אבער דער רבי זאגט אז ס'איז געווען ליצנות אויך ביי מתן תורה! און ווען די אידן וואלטן אויסגעהערט די לצים וואלט מען נישט געקענט מקבל זיין די תורה! און ס'שטייט

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אין ספרים אז ביי קריעת ים סוף האבן די לצים אוועק געמאכט די גאנצע זאך!

אבער איך דארף נישט אנקומען צו דעם גאנצן פלפול, ביי מיר איז עס א דבר פשוט אז עס איז גרינגער צו פליען אריבער דעם ים הגדול ווי צו פועל'ן ביי א אינגערמאן צו טראכטן אז איך גיי יא רעדן שיין צו מיין ווייב און קינדער, איך גיי יא פרובירן נאכאמאל צו טראכטן אז דער אייבערשטער איז דא און ער ווארט צו הערן מיין זיסע קול, איך גיי יא גלייבן אז איך קען נאך ווערן א ערליכער איד און תשובה טון אויף מיינע נישט גוטע זאכן, און אויב דער ערליכער איד קען פועל'ן די זאכן ביי זיינע מענטשן איז דאס אסאך העכער און וואונדערליכער און קונצליכער ווי פליען אין די לופט. די פליען אין די לופט איז נישט א זאך וואס מאכט איך זאל מיך אפשטעלן און זוכן אפיקורס'ישע ראיות אז דאס קען נישט געשען אין די לעצטע הונדערט יאר בלא בלא בלא...

אויב איז די רעדע פון א ערליכער איד וואס באריכט די נשמות פון זיינע אנהענגער אויף א תכלית'דיגע ממשות'דיגע פארנעם, קען ער באווייזן איבערנאטורליכע וואונדער! אויב איז עס א רב אדער א מורה דרך וואס זיינע מענטשן קענען נישט גיין שלאפן אן עפענען א משניות און א גמרא, קענסטו דארט גרינג באקומען דיין שידוך, פרנסה, אייגענע הויז, קאנפידענס, וכו' וכו' און אלע אנדערע זאכן וואס מ'צאלט טבין ותקילין פאר דעם בלייענעם שפרעכער / גנב / שטערן-זעער / האנט-קוקער ער זאל עס דעליווערן און עס העלפט אזא יאר אויף פרעה.

שבת צופרי ביי סיפורי מעשיות האט מען גערעדט פון די מעשה פון חכם ותם, מעשה ט', ביי די שטיקל וואו דער רבי זאגט אז דער תם איז געווארן א מיניסטער איבער אלע מיניסטארן. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון זיך פירן בתמימות, זיך ליב האבן, און גריסן פאר א חבר, דער ראש ישיבה האט געזאגט עס טוט מיר וויי צו זען ווי צוויי ברסלב'ע חסידים גייען אדורך איינער דעם צווייטן און גריסן זיך נישט.

ביי שלש סעודות האט מען פארגעלערנט חיי מוהר"ן סימן תמ"א, וואו דער רבי זאגט, וועגן אביסל בלוט זאלסטו פארלירן די וועלט און יענע וועלט? קרעכץ עס אויס!

און דערנאך ברענגט דארט דער רבי די משל אויפ'ן פסוק "נשא לבבינו אל כפים אל קל בשמים", אז ס'איז געווען א קעניג וואס האט געוויזן פאר זיין זון א גאר גרויסן שטיין און אים געזאגט ער זאל עס ארויף טראגן אויבן אויפ'ן שטאק, און דער זון האט זיך זייער מצער געווען אז ער קען נישט טון וואס זיין טאטע הייסט, דער ריזיגער שטיין רירט זיך נישט פון פלאץ. האט דער טאטע געזאגט, דו מיינסט איך האב געקלערט אז דו וועסט קענען ארויף טראגן דעם שטיין? מיין כונה איז געווען דו זאלסט נעמען א האק און צוהאקן דעם שטיין אויף פיצלעך און אזוי עס ארויפטראגן צופיצלטערהייט.

די זעלבע זאך מיט אונזער פארשטיינערטע הארץ, ווי אזוי קען מען אויפהייבן די הארץ צום אייבערשטן? אז מ'צוברעכט דעם הארץ! מ'רעדט צום אייבערשטן, און מ'קרעכצט זיך אויס, און אזוי ווערט די צובראכן הארץ אויפגעהויבן צום אייבערשטן

ביי מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה דערמאנט אז ס'גייט זיין די יארצייט פון מהרש"א און מ'וואלט געדארפט דערציילן מעשיות פון מהרש"א, נאר דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וויל דערציילן א אנדערע מעשה, און מען וועט רעדן פון מהרש"א שפעטער, אויב ס'וועט נאך בלייבן צייט.

(למעשה האט מען נישט דערציילט פון מהרש"א ביי מלוה מלכה, נאר צומארגנס ביי די סעודת ראש חודש פאר די תומכי הכולל, האט דער ראש ישיבה דערציילט די מעשה פון מהרש"א ווי איינער האט געהאט די גרויסע זכי' צו קומען למנוחה נכונה גלייך נאך זיין פטירה וויל ער האט געשטיצט לומדי תורה זאלן קענען זיצן און לערנען).

דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה מיט רבי נתן וואס ער איז געגאנגען קויפן בייגל און האט גע'חלום'ט ווי איינער זאגט אים "דראפע זיך און האלט זיך!" און דאס איז געווען דער רבי.

דער ראש ישיבה האט דערמאנט די ראשי תיבות פון חודש כסליו (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן ז') "וירא השם כי סר לראות", דער אייבערשטער זעט אז א מענטש ציט זיך צום אייבערשטן, ער זעט א דארן, שטעכעדיגע דערנער, ער גייט אדורך שווערע שטעכעדיגע צייטן אין לעבן און ער ווייסט אז "הסנה איננו אוכל" ס'ברענט די צרות, אבער דער מענטש ווערט נישט פארברענט, וויל ער ווייסט אז עמו אנכי בצרה, דער אייבערשטער איז דא מיט מיר אין די צרה, ביי אזא מענטש ווערט מקויים וואס ס'שטייט ווייטער אין פסוק, "ויקרא אליו אלקים" דער אייבערשטער רופט אים, דער אייבערשטער וועט אים סוף כל סוף דערנענטערן צו אים.

דער ראש ישיבה האט מיר געבעטן איך זאל מחזק זיין איינעם וואס ס'איז אים נישט גרינג אין פרנסה, איך האב יענעם דערציילט אז יארן צוריק איז מיר געווען גאר שווער אין פרנסה, און ברוך השם מ'זעט אז אלעס גייט אדורך.

איינער איז אמאל געקומען צו דער ראש ישיבה און זיך אפגערעדט אז ער פליט פון איין דזשאב צום צווייטן און ס'איז

גרויסע בזיונות אז ער קען זיך נישט האלטן אויף א דזשאב, ס'מוז זיין אז ער איז א אומטויגליכער, ער טויג צו גארנישט. האט דער ראש ישיבה דעמאלטס געזאגט אז די הצלחה אין פרנסה איז נישט געבינדן דוקא צו מ'האלט זיך לאנג אויף א דזשאב צו נישט, נישט דאס איז קובע צו דער מענטש איז א מוצלח אדער נישט, ס'קען אמאל זיין איינער פליט פון איין דזשאב צום צווייטן און ס'איז נישט מחמת זיין חסרון, נאר פון ארומיגע פאסירונגען, ער קען נאך אפילו זיין א טאלאנטפולער מענטש, און ס'קען אמאל זיין איינער וואס ארבעט צענדליגער יאר אויף איין דזשאב און ס'איז בכלל נישט מחמת זיין געלונגענקייט, ס'פירט זיך אזוי פון הימל אז ער זיצט על מי מנוחות.

על כל פנים, הצלחה אין פרנסה מוז נישט זיין דוקא געבינדן צו ער האט שוין געארבעט ביי הונדערט פופציג פלעצער אדער צו ער האט איין אומצופאטשקעטע קאריערע. דער מענטש איז מחויב צו קוקן פאראויס און פרובירן די בעסטע וואס ער קען, און דער אייבערשטער וועט אים נישט פארלאזן, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק נותן לחם לכל בשר, דער אייבערשטער געבט פרנסה פאר יעדן. ■

זונטאג ניין אזייגער זעמיר געפארן קיין וויליאמסבורג, צוועלף אזייגער בייטאג איז געווען די סעודת ראש חודש פאר די תומכי הכולל, מ'האט עס געטוישט ווייל בייינאכט איז געווען די חתונה פון החתן היקר מו"ה שמואל מרדכי שטערן נ"י..

מגלגלין זכות על ידי זכאי, די גאנצע זאך פון די סעודת ראש חודש פאר די תומכי הכולל איז נתגלגל געווארן דורך ידידינו היקר מו"ה אהרן שלמה שווארץ נ"י. איין טאג, זומער תשפ"ב, ס'איז געווען זייער געדרוקט אין די קאסע פון כולל, איך טו מיר אן די "עזות דקדושה היטל" און איך רוף אן ר' אהרן שלמה צו ער וואלט געקענט געבן פאר'ן כולל $20,000... יא.... צוואנציג אלפים... זאגט ר' אהרן שלמה, אויב דו האסט צען מענטשן וואס געבן צוויי טויזנט, געב איך די ערשטע, און ברוך השם מ'האט עס געמאכט, האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה וועגן מאכן א פרישטאג די קומענדיגע זונטאג, אפשר ביי איינע פון די תושבים אויף האשקי, אז דער ראש ישיבה זאל נישט דארפן פארן צו איינעם, נאר ממש דא לעבן דעם ראש ישיבה'ס הויז, זאגט מיר דער ראש ישיבה אז איך דארף נישט זוכן וואו עס צו מאכן, מ'קען עס מאכן אין דעם ראש ישיבה'ס הויז.

וכך הוה, דאס איז געווען זונטאג שופטים תשפ"ב, און יא, איר האט געטראפן, ס'איז געווען ראש חודש אלול, כ'האב אפילו נישט געטראכט דעמאלטס דערפון, שפעטער געבט זיך דער ראש ישיבה א רוף אן צו מיר: "דינסטאג נח איז ראש חודש חשון, קענסטו מאכן די זעלבע זאך ווי יעצט, און אזוי קענסטו מאכן יעדן ראש חודש".

## עס איז גרינגער צו פליען אריבער דעם ים הגדול ווי צו פועל'ן ביי א אינגערמאן צו טראכטן אז איך גיי יא רעדן שיין צו מיין ווייב און קינדער!

ענד דהי רעסט איז היסטערי...

ביים סעודת ראש חודש זונטאג פרשת ויצא איז געווען שיינע הערליכע שמועסן, צווישן אנדערן האט מען גערעדט פון געבן מעשר און חומש, דער ראש ישיבה האט געזאגט "פון געבן מעשר דערלייגט מען נישט, און פון געבן חומש דערלייגט מען נישט".

שכח אייבערשטער פאר מיר געבן די זכי' צו זיין א חלק פון די פרישע דור דיינים ומורי הוראות וואס וועלן אי"ה ביז א יאר צוויי שטיין צום דינסט פון קהילת היכל הקודש און פסק'ענען שאלות מבוקר עד ערב.

שכח אייבערשטער פאר מיר געבן די זכי' צו גיין נאך צדקה, הלוואי זאלן נאך עטליכע אינגעלייט פילן די געשמאקע טעם פון צאמנעמען פאר צדקה צען צוואנציג טויזנט דאלער. דעם זונטאג איז געווען ביי די סעודת ראש חודש א מלמד! וואס האט שוין צאמגעשטעלט פאר'ן כולל פיר מאל א פרנס החודש!! יא! א קיימא לן פון צוואנציג אלפים!! אז מ'וויל קען מען... קודעם לאמיר אנהייבן מיט א פינעווער, מיט א צענער, לאמיר גיין נאך געלט א האלבע שעה א וואך, ביז א וואך צוויי דריי זעט מען זיך מיט א טויזנטער, דאס איז א פאקט, איך געב אייך ארויס די נעמען און ער קענט זיי פרעגן...

וואויל איז דעם וואס לייגט צו א האנט צו העלפן דעם רבי'ן, דער רבי וועט אים באצאלן כפל כפליים. ■



# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

### סימן רס"ג סעיף י' י"א

**הקדמה:** דער הייליגער רמ"א שרייבט: "ועיקר הדלקה תלויה בנרות שמדליקין 'על השולחן', אבל לא בשאר נרות שבבית", אז דער עיקר שבת ליכט איז די ליכט וואס מ'צינדט ביים טיש וואס מ'עסט, און נישט די איבריגע ליכט וואס מ'צינדט אינדערהיים. דאס הייסט היות על פי תקנת חז"ל דארף מען צינדן סיי דארט וואו מ'עסט, און סיי אין די איבריגע פלעצער אין שטוב, אבער דער עיקר ליכט איז דארט וואו מ'עסט.

היינטיגע צייטן וואס מ'פארלאזט זיך אז לייט"ס איז גענוג, איז דאס איבעראל אין די גאנצע הויז, אבער דארט וואו מען עסט וואס דאס איז די עיקר שבת ליכט, צינדט מען מיט ליכט אזוי ווי תקנת חז"ל איז געווען, און אזוי אויך קבלת שבת איז מען נאר מקבל מיט די ליכט וואס מ'צינדט דארט וואו מ'עסט.

**ע"ז)** היות דער לשון פון רמ"א איז עַל הַשֻּׁלְחָן, זענען דא וואס זענען מקפיד אז די ליכט זאל ליגן דייקא אויפן טיש.[114]

אבער על פי הלכה איז נישט קיין פראבלעם אז עס ליגט נעבן די טיש, אויף אַ קליין טיש'ל וכדומה, דער עיקר איז מ'זאל עס זעהן, נישט ס'זאל ליגן פארשטעקט ערגעץ.

**הקדמה קצרה:** דער הייליגער מרדכי שרייבט,[115] היות מיר פסק'נען ביי ה' חנוכה, "הדלקה עושה מצוה", דאס מיינט אז דער צינדן איז דער עיקר מצוה, במילא דארף מען צינדן אויף אַ כשר'ע פלאץ, מ'קען נישט צינדן אויף אַ נישט כשר'ע פלאץ און נאכדעם עס אריבער פירן צו אַ כשר'ע, ווייל דאס צינדן דארף זיין אויסגעהאלטן על פי הלכה.

**ע"ח)** דער זעלבער דין איז אויך ביי שבת ליכט, דהיינו: מ'קען נישט צינדן שבת ליכט אין אַ צימער וואס מ'ניצט נישט, און מ'גייט נישט ארייין אהין!

אזוי איז אויך טאמער האט מען יא געצינדען אין אַ שטוב וואס מ'ניצט נישט, און נאכן צינדן האט מען עס אריבערגעפירט צו אַ צימער וואס מען ניצט יא, האט מען נישט יוצא געווען.[116]

**ע"ט)** נאך מער שטייט אין די פוסקים, אז אפילו מ'האט געצינדן אין אַ כשר'ע פלאץ, זאל מען עס נישט אריבער-פירן צו אַ צווייטע כשר'ע פלאץ,[117] למשל מ'האט געצינדען אויפן טיש אין דייני"ג רום, זאל מען עס נישט אריבער-פירן צו א טיש'ל אויף די זייט, מ'זאל צינדן דארט ווי מען וויל עס זאל זיין שב"ק, אבער דער דין איז לייכטער,[118] במילא אויב ס'איז דא אַ צורך מעג מען עס רוקן נאכן צינדן.

**פ')** משלים וציורים וואס קומען ארויס פון די אויבנדערמאנטע דינים:

- אַ עלטערע, אדער חס ושלום א חולה, א יולדת, וואס קען נישט גיין צום טיש צינדן, זאל מען נישט ברענגען די ליכט צו איר און נאכדעם אריבער לייגן אויפן טיש, נאר מ'זאל מסדר זיין אַ קליין טיש'ל וכדומה נעבן איר און זי זאל עס צינדן.
- סוכות זאל מען נישט צינדען אין שטוב, און נאכדעם אריבערלייגן אין סוכה, אדער פארקערט, נאר מ'זאל צינדן וואו מען וויל ס'זאל זיין די גאנצע צייט.[119]

**פ"א)** יו"ט טאר מען דאך נישט אנצינדן קיין נייע פייער, איז מאנכע פירן זיך, אז מ'נעמט איין ליכט פון די יו"ט'דיגע ליכט און מ'נעמט פייער פון די גע"ז רענט"ש, וכדומה, און מיט דעם צינדט מען אָן אלע אנדערע יו"ט ליכט, קומט אויס אז די ליכטל טראגט מען ארויס פון איין פלאץ צום אנדערן, לויט דער דין אז ס'דארף לכתחילה ליגן אויף איין פלאץ, איז מער אויסגעהאלטן אז מ'זאל נעמען א באזונדערע ליכט, נישט איינע פון די יו"ט'דיגע ליכט און מיט דעם צינדן.

אבער אויב ס'איז דא אַ צורך, למשל מ'האט עס נישט וואו צו לייגן וכדומה, קען מען יא מקיל זיין און אנצינדען מיט א יו"ט'דיגע ליכט.[120]

## מקורות והערות

114) נאך אַ סיבה, מקפיד זיין אז די ליכט זענען אויפן טיש דוקא, ווייל היינט אז ס'איז דא לייט'ס, איז דאך ממילא די גאנצע שטוב באלאכטען, אבער היות מיר פסק'נען אזוי ווי דער רמ"א (סעי' חי') אז וואס מער ליכט אלס מער ליכטיגקייט איז דָא, במילא קען מען צינדען און מאכן אַ ברכה, אבער וואס מער מ'זעהט די ליכט, איז זיכער בעסער

115) שבת פ"ב סי' רע"ג:

116) מג"א ס"ק צג - משנ"ב סקמ"ח.

117) משנ"ב סקמ"ח בשם הלבוש, ומסיים בשם החיי אדם (ח"ב כלל ה' סי"ד) ובמקום הצורך יש להקל.

118) היות דער טעם פארוואס מ'טאר נישט לכתחילה אריבער פירן די ליכט פון איין פלאץ צום צווייטן איז ווייל עס קוקט אויס כאילו דו ניצט די ליכט יעצט פאר דיינע פריוואטע זאכן, דאס הייסט ס'זעהט זיך נישט אָן אויף די ליכט אז ס'איז לכבוד שבת קודש! לכבוד שב"ק הייסט עס ליגט אויף איין פלאץ, צוליב דעם זענען דא פוסקים וואס שרייבן (שו"ת קנין תורה ח"ד סי' כ"ו) אז היינטיגע צייטן ווען ס'איז דא לייט"ס, ווען מ'זעהט איינעם צינדן ליכט, איז קלאר קענבאר אז דאס איז לכבוד שב"ק, מילא איז נאך גרינגער דער דין אז פאר יעדע צורך מעג מען רוקן די ליכט נאכן צינדן

119) דער דין איז אביסל הארבער, דמשמע ממשנ"ב סקמ"ח, דהביא דין זה בשם חיי אדם, דאפילו, לויט דער מג"א וואס איז מתיר צו רוקן די ליכט פון איין כשר'ע פלאץ צום צווייטן, אבער פון איין שטוב צום צווייטע איז מער חמור

120) ע"י כל זה בס' שבת בשבתו דף תקצד-ה.

# מעשיות פון תפילה



## אלחנן זויבערמאן

צפת

ענדע ענדע האט זיך די מלחמה אין ארץ ישראל געענדיגט (לעת עתה) און דער עולם שטרוימט ארויף אין די מאסן קיין עיה"ק צפת תובב"א.

פארשטייט זיך אז צו שלאפן דארף מען אויך, און אזוי באקום איך א קלונג פון א משפחה וואס פרעגט איב אונזער דירה איז ווועילבל אויף דעם שבת צו דינגען.

איך האב אים געזאגט אז יא, די דירה איז ווועילבל און עס קאסט אזוי און אזוי. "פיין געשלאסן" זאגט יענער. ער האט צוגעלייגט אז אדער וועט קומען נאר א קאפל אדער א גאנצע משפחה, ער וועט באלד ענטפערן.

איך האב פלאץ פאר זעקס בעטן, און ווי מער מענטשן קומען קען איך נעמען מער געלט. איך האב געבעטן דעם אז ער זאל דארפן אלע זעקס.

שכח אייבערשטער אז ער האט געדארפט אלע זעקס.

## שלום אלי' אינדיג

מאנטריאל

1. איך בין געגאנגען קויפן ברויט פאר פרישטאג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן עפעס מיט וואס צו צועסן מיטן ברויט, איך זעץ מיך אראפ אין בית המדרש ביי א ווינקל צו עסן דעם ברויט.

אינמיטן שפאצירט צו א אינגערמאן און פרעגט מיר "ווילסט אפשר א סארדין?"

שכח אייבערשטער.

# מעשיות פון תפילה

2. ס'איז שוין א שטיק צייט וואס איך דארף האבן א (טאדלער) בעט פאר מיין טאכטער, מיינע קינדער האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל האבן א בעט.

איין טאג קום איך אהיים און מיינע קינדער פרעגן מיר אויב איך גיי מאכן א בעט, און איך האב מיך אנגערופן "אם ירצה השם".

גלייך נאכדעם האב איך מיך געכאפט אז איך האב זיי געזאגט אז איך גיי עס מאכן, וואס טוט מען דא?

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיך עפעס מאכן דא, איך האב געהאט געטראכט פון צאמשטעלן עפעס אליין, אבער ביי דעם האט זיך עס געענדיגט.

יענע נאכט ווען איך בין ארויס דאווענען מעריב האב איך געזען אז איינער האט ארויסגעלייגט אלע שטיקלעך פון א קריב, איך האב אהיימגענומען די אינטערשטע חלק פונעם קריב וואס דאס איז קודם די עיקר.

אינדערהיים האב איך שוין עפעס צאמגעשטעלט די קליינע פיסלעך צודעם, און ברוך השם ס'איז געווארן שיין צאמגעשטעלט. מ'דארף אנמערקן אז איך בין נישט דער אויסגעצייכנעטער מייסטער אין בויען, אבער ברוך השם מיט תפילה האט זיך עס שיין צאמגעשטעלט.

3. איך בין געגאנגען צו די פעמעלי (משפחה) גראסערי וואס פארקויפט פאר פופציג פראצענט ביליגער, אבער נאך אלס דארף מען נאך האבן די אנדערע חלק געלט פאר די גראסערי ארדער.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן די געלט צו באצאלן די ארדער.

נאכן ארומגיין אין גראסערי און קויפן אלעס וואס איך דארף, בין איך געגאנגען באצאלן, ווען ס'איז געקומען צו באצאלן האב איך ארויסגענומען מיין געלט וואס איך האב געהאט אין טאש, און יאפס, ממש אויפן האר וויפיל איך האב געדארפט האבן צו באצאלן, איז געליגן אין טאש.

איך האב געשפירט ווי דער אייבערשטער באגלייט מיר און ווייזט מיר אז ער האט מיר אינזין אויף טריט און שריט.

## מנשה איצקאוויטש

בארא פארק

ברוך השם יעדע וואך איז דא מנין שבת ביי אונז אין שול, פארגאנגענע וואך האט זיך געמאכט אז שבת אינדערפרי איז נאכנישט געווען קיין מנין בשעת מ'האט אנגעהויבן דאווענען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אנקומען מנין ווי אמשנעלסטן כדי די מנין זאל ווייטער פארן און מ'זאל זיך נישט דארפן אפשטעלן.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט איז אנגעקומען אפאר אידן און אזוי איז געווען ברוך השם פיין מנין מיט א געשמאקע דאווענען ווי ס'דארף צו זיין.

## יואליש קרויס

ביתר

ברוך השם איך האב זיך געלערנט סופרות איך האב אפגעשמועסט מיט איינעם צו דינגען א אפיס ביי א סופר'ס אפיס

איך האב געדארפט האבן דארט א טיש, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן די געלט דערפאר, און די געלט וואס איך האב אין טאש זאל זיין גענוג פאר דעם.

איינער האט מיר געזאגט אז ער ווייסט פון איינעם וואס האט א טיש צו פארקויפן פאר א גוטע פרייז, אבער יענער האט נישט אויפגעהויבן.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן פאר א טיש. למעשה ווען איך בין אנגעקומען אהין צום אפיס איז נאך געליגן דארט די טיש פונעם פריערדיגן מענטש וואס האט גענוצט דעם פלאץ.

מ'האט אנגערופן יענעם אויב ער וויל עס פארקויפן, און ברוך השם ער איז געווען צו פארקויפן דעם טיש פאר דעם נישטיגן פרייז פון פיר הונדערט שקל, וואס נארמאל קאסט אזא טיש אסאך מער.

# אבידה מצאתי!

קענסט עס גלייבן? יארן וואס ס'איז שוין פארלוירן, קיינער קען עס נישט טרעפן. מ'האט שוין געצאלט שווערע געלטער (ווען איך שרייב שווערע געלטער מיין איך "שווערע געלטער"... איך ווייס נישט וואס שיינע השגות זענען צו שפענדן אויף א גאר טייערע ווערדפולע אבידה, אבער דער האט שוין אויסגעגעבן אלפים ורבבות!)

די גרעסטע ספעציאליסטן וואס זענען נאר פארהאן זענען שוין געזעצן און זיך שווער געבראכן קאפ וואו קען מען אפיר נעמען דעם אבידה, וואו טרעפט מען אים?

ס'איז געווען צייטן וואס ס'האט אויסגעקוקט אז אט אט האט מען עס שוין, מ'גייט עס שוין טרעפן, און די קאשמארן פון יארן גייען שוין קומען צו אן ענדע... מ'האט זיך שוין כמעט געפרייט ווען לײדער האט מען זיך צום סוף דערוואוסט אז ניין נישט דאס מאל... ס'איז לײדער נאכאלץ פארלוירן.

מומחים אינעם פעלד פון טרעפן פארלוירענע, זענען אלע געקומען מיט זייערע יארן עקספיריענס, און פרובירט זייערע אייגנארטיגע מהלכים צו קענען טרעפן דעם אבידה.

איינער א גאר גרויסע מומחה - וואס האט א גאנצע בינטל המלצות אז ער קען טאקע טרעפן אבידות - איז געקומען מיט א פלאן גג על גג. ס'האט זיך אנגעהויבן קודם מיט א קליינע גריבל סעסיע, מ'האט אנגעהויבן צו גריבלען און צו דערגיין ווען איז די לעצטע מאל וואס די אבידה איז געזען געווארן?

מ'האט זיך געקראצט די זכרונות קעמערלעך זיך צו דערמאנען ווען ס'איז דאס לעצטע מאל געזען געווארן? ווער קען זיין שולדיג אויפן פארלוסט? וואו קען מען זיך ווענדן צו דערגיין ווער ס'האט אלס געהאט א חלק אין דעם?

דער השבת אבידה מומחה האט דאס גאנצע פעקל נישט גענומען פאר לייכט, ער האט אפיר גענומען זיין ביכל און אנגעהויבן אפשרייבן יעדעס ווארט, צו קענען זעהן אויב וועט זיין א שפיר צו קענען אפירקראצן דעם אבידה.

יעדער בר דעת ווייסט גאנץ גוט אז פון איינמאל זיצן איז נאך גארנישט געווארן פארשטייט זיך... דא האנדלט זיך פון א אבידה וואס יארן וואס מ'קען עס נישט טרעפן. דער מומחה האט שוין פארברענגט גאנצע זעקס חדשים פשוט צו קענען דערגיין וואו מ'האט עס לעצט געזען, און ווער קען זיין דער שולדיגער אויפן גרויסן פארלוסט.

נאכן פארברענגן זעקס חדשים אויפן קעיס איז ער אויפגעקומען מיט א קלארע מהלך ווי אזוי מ'וועט דעם אבידה אפגעפונען. דער מומחה איז אויפגעקומען מיט א צוועלף שטאפל מהלך, וואס יעדער פון די צוועלף שטאפלען איז איינגעטיילט און נאך צען קלענערע שטאפלען, וואס אויב וועט מען פארזיכטיג נאכגיין דעם גאנצן מהלך -מיטן באגלייטונג פונעם מומחה פארשטייט זיך - וועט מען נאך אפאר יאר בעזהשי"ת קענען לכאורה אפטרעפן דעם אבידה...

גאר שטארק איז די שמחה געווען אז ענדליך איז שוין דא א קלארער מהלך ווי אזוי מ'גייט קענען אפירזוכן און טרעפן דעם אבידה, ס'איז טאקע א לענגערע קאסטבארער פראצעדור, אבער אנדערע וואס האבן אויך געהאט פארלוירענע חפצים האבן טאקע קלאר מעיד געזאגט אויף דעם מומחה אז יא! ס'קאסט טאקע א ים מיט געלט און ס'נעמט זייער זייער לאנג, אבער ס'קוקט אויס אז צום וועט עס זיין סוקסעספול...

דער מומחה זאגט אז ער האט שוין דורכאויס זיינע יארן אינעם קאריערע פון טרעפן טייערע פארלוסטן געהאט גאר גרויסע הצלחות, און טאקע קענען צום סוף טרעפן דאס פארלוירענע. נישט דא וואס צו רעדן ער איז אריין געקומען העכסט רעקאמענדירט!

כאפנדיג א שמועס מיט א נאענטער האט ער פארציילט אז ער האט שוין אויך פאר א לענגערע צייט פארלוירן אן אבידה, און ער מוטשעט זיך ביטער שווער עס צו טרעפן. ער האט שוין אלעס פרובירט אבער גארנישט העלפט נישט, ער קען נישט טרעפן זיין פארלוסט.

למעשה אבער זאגט ער אז דער מומחה טאקע וואס איז אויפגעקומען מיטן צוועלף שטאפל מהלך, ס'קוקט אויס ווי ער האט עס יא ארויס ווי ער פארשטייט יא צו די סודות צו קענען טרעפן צום סוף דעם אבידה.

שוין! אויב האט שוין דער נאענטער אויך פארשטאנען אז דער מומחה ער האט טאקע די שליסלען צו קענען טרעפן דאס פארלוירענע, שפירט ער זיך שוין סך באקוועמער צו גיין טאקע מיט דעם מהלך. ס'ווערד די געלט אויב וועט ער צום סוף עס קענען טרעפן.

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



צוויי יאר איז שנעל פאריבער, הכל מודים אז דער ספעציאליסט איז טאקע דער גרויסע מומחה און צום סוף מוז מען טאקע צו קומען צו אים אז ער זאל ענדגילטיג טרעפן דעם אבידה, אבער למעשה שטעלט זיך ארויס אז מ'קען נישט אנהייבן גראד מיט אים, ער איז צו שטארק אז צומאל קען מען פארפירט ווערן פון זיינע געפונסן.

ממילא איז ראטזאם קודם צו זיצן אביסל מיט א קלענערע מומחה, וואס יענער וועט קודם בעסער ארויסהאבן דעם אבידה, ער וועט גוט פארשטיין די אבידה וועט ער דורכדעם קענען מאכן אז מיר זאלן עס טאקע קענען אליין טרעפן צוזאמען מיטן גרויסן מומחה...

איך כאפ זיך יעצט אז איך האב אייך אפילו נישט געזאגט וואס מ'זוכט, וואס מ'האט געפונען. איך בין פשוט אזוי עקסייטעד מיטן געפונס אז איך האב פארגעסן אייך צו זאגן וואס דאס איז בכלל... זייט מיר מוחל איך וועל אייך יעצט זאגן:

איך האב זיך געטראפן!

ס'איז אביסל קאמפלעצירט. יענער איז פארלוירן ער וויל זיך טרעפן, ער ווייסט נישט וואו ער איז, ער ווייסט נישט וואס ער איז, ער ווייסט נישט פארוואס ער איז... ער איז גרייט צו צאלן יעדער פרייז אויפן וועלט זיך צו טרעפן, אבער דערווייל איז ער נאך שווער פארלוירן.

ער איז טיף אינמיטן די סטעפס וואס האבן אים מסביר געווען וועגן "סעלף קעיר - דו קומסט קודם". דו ביסט די וויכטיגסטע זאך אויפן וועלט, יעדן טאג פארן גיין שלאפן, אזוי אויך גראד נאכן אפגיסן נעגן וואסער, און אויך זיך פאר פרישטאג מיטאג און נאכטמאל זאגט מען ז' פעמים:

"איך בין יא וויכטיג, איך קום קודם, איך האב רעכטן! קיינער קען מיר נישט איינטיילן....."

יעצט אבער ביי שטאפל פינף, טאקע שוין נאכן אפהאקן מיט די עלטערן, ווייל לויטן געפונסן פונעם מומחה זענען זיי געווען דער וואס איז שולדיג אינעם אבידה... ער מיינט אז די לעצטע מאל ווען ער איז געווען זיך ווען ער האט זיך נאך יא געשפירט, ווען ער איז געווען א געטראפענע איז געווען ווען ער איז געווען גאר א פיצל קינד, און דעמאלט איז ער געווען ביי זיינע עלטערן, במילא מוז זיין אז שולדיג זענען זיי!

למעשה האט אבער דער זעלבע קרוב טאקע - וואס האט גאר שטארק רעקאמענדירט דעם מומחה - יעצט אויסגעפונען אז ס'איז גאר דא א נייע מומחה! וואס קודם דארף מען גיין צו יענעם מומחה אויף צו אנהייבן דעם גאנצן השבת אבידה פראצעדור....

אין קורצן וואס יענער טוט, ער עפענט אויף די הארץ! אזוי איז עס, די הארץ איז פארמאכט ממילא קען מען בכלל נישט אנהייבן דעם גאנצן השבת אבידה פראצעדור פון זיך טרעפן, בעפאר מ'עפנט נישט קודם אויף די הארץ.

ווי אזוי עפענט מען די הארץ?

די ערשטע זאך מוז מען גלייבן אינעם פראצעדור... דאס ערשט נעמט מען א קורס וואס קומט מיט א ביכל. יעדע וואך טוט מען נאך א חלק פונעם קורס. ס'איז דא די פיזישע חלק ווי מ'לייגט זיך אראפ אויף די ערד בפישוט ידים ורגלים, און נאך צוואנציג מינוט שטעלט מען זיך אויף און מ'זאגט "איך גלייב אין זיך, איך נעם אריין אלע ערד ענערגיע אין מיר, און אלע שלעכטע ענערגיע וואס מאכן מיך טון זאכן לאז איך אויף דער ערד!!!!"

אהה... מ'שפירט זיך א נייע מענטש נאכדעם... בקיצור שפעטער איז דא די עמוישענעל חלק וואו מ'קאנעקט זיך צו די נשמה, מ'קען ממש שפירן ווי אזוי מ'איז פארן זיין אויף דער וועלט, אזוי אז נאכדעם זאל מען זיך טאקע קענען טרעפן...

מיר געבן דא איבער דאס ווארט פאר איינע פון די חשובע מיטגלידער פונעם קורס וואס איז שוין באלד פופציג יאר

אויפן וועג זיך צו טרעפן, און ער וועט מיטטיילן אביסל די געפילן פון די עמאציאנעלע חלק פונעם קורס, וואס ממש...

- - -

איז אזוי מ'טוט זיך אן די ספעציעלע העדפאונס, און ס'הייבט אן שפילן די ספעציעלע מוזיק. ס'איז נישט עפעס וואס מ'קען מסביר זיין, די הארץ עפענט זיך, מ'ווערט גאנץ מיט זיך, די מומחה טראגט דיין נשמה צוריק צו איר מקור, מיין און ווייב איז איין נשמה, מ'שפירט זיך גאנץ מיט זיך, טייכן טרערן פליסן, די מענטש ווערט איבערגעמאכט ס'מורא'דיג!

דאס איז עס? ביסט א געטראפענע?

ניין! וואס מאכסטו סתם חוזק? וואס דו מיינסט אז מ'קען זיך עפעס אזוי טרעפן נאך איין סעסיע ס'גייט צוביסלעך...

זייער זייער אינטערעסאנט!

אפשר דאך ווילט איר פרובירן מיין וועג? איך בין דאך אויך א קרוב, איך קען אייך אויך זאגן פון מיין עקספיריענס, ס'ממש... ס'איז א וועג וואס ביז א טאג צוויי טרעפט מען זיך! יא א טאג צוויי! און דו ווייסט וויפל ס'קאסט? ניין נישט די אלע שווערע געלטער... ס'איז אינגאנצן בחנם! ס'קאסט נישט קיין איין פעני, ניטאמאל א רויטן גרייצער!

אה די ברסלב'ע זאכן.... דאס איז טאקע פונקט גוט פאר דיר!

בסדר איך נעם עס אן באהבה, ד ברסלב'ע זאכן איז פונקט גוט פאר מיר, אבער נישט סתם גוט נאר אזוי מין גוט ממש טעם עולם הבא!

בשעת דו קראצט זיך דיינע זכרונות אויפצוזוכן אויף וועמען נאך דו קענסט באשולדיגן דיין זויערן לעבן, האב איך שוין לאנג פארגעסן וואס איז געווען. קיינער איז מיר גארנישט שולדיג, מיין לעבן איז מיר צוקער זיס!

בשעת דו ביזט צוקריגט מיט דיינע עלטערן, ווייל זיי זענען די מקור פונעם פראבלעם, בין איך יעדן טאג מקיים כיבוד אב ואם, און איך רעד שיין צו מיינע עלטערן, ווייל דאס איז די וועג פון די תורה, זיי קומען מיר גארנישט!

## מען זאגט ז' פעמים:

## „איך בין יא וויכטיג, איך קום קודם, איך האב רעכטן! קיינער קען מיר נישט איינטיילן.....”

בשעת די ביסט נעבעך סעפערעיטעד (נא פון דרויסן קוקט אלעס אויס קיוט און זיס, אבער שוין חדשים נישט אויסגעטוישט קיין ווארט), ווייל דו האסט רעכטן, און דא וועט זיין סדר און יושר, קום איך אהיים און איך גיס גוטע ווערטער בשפע, אפילו בעצם בין איך גערעכט....

בשעת דו נעמסט נאך א הלוואה צו קענען באצאלן פאר דעם אזויגערופענעם „מומחה” וואס קען זיך נישט אליין מסדר זיין און העלפן, אבער פון דיר נעמט ער אלפים ורבבות ווייל מארגן גייט מען דיך שוין טרעפן... זיץ איך מיר 'חובות פריי', און איך ווייס אז קיין בשר ודם קען מיך נישט העלפן, וואס איך דארף בעט איך נאר פונעם אייבערשטן אליין, וואס ער העלפט מיר אייביג!

ס'קען זיין אז דו טראכסט יעצט אז איך בין מגזים, ס'איז פיין אפגעשריבן, אבער לאז אפ, ס'איז נישט ממש אזוי...

וואס זאל איך אייך זאגן איך האב גארנישט דא אויפגעמאכט, דאס האב איך געהערט פון מענטשן וואס זענען דאס אריבער אויף זייער אייגענע הויט, און ליידער זענען זיי נאך פארגלייבט אין דעם!

דער ראש ישיבה לערנט אונז א וועג צו לעבן, א וועג צו טראכטן אז מיר זאלן זיין אויסגעלייזטע מענטשן, מיר זאלן נישט זיין פארנומען טאג און נאכט זיך צו טרעפן....

מיר האבן א משניות, מיר זאגן די ווערטער און דאס היילט אונז אויס. מיר רעדן זיך אויס נאר צום אייבערשטן און ער הערט אונז, און העלפט אונז. מיר פרייען זיך מיט די גוטס וואס מיר האבן.

דער ראש ישיבה זאגט אז אין די טערעפי וועלט זוכן זיי אלץ צו דערמאנען אלטע מעשיות, אפיר קראצן אלע אלטע זכרונות, אבער די תורה וועג איז נישט צו קוקן אויף צוריק, וואס איז געווען איז געווען, דער עיקר איז זיך רוקן פאראויס און נישט צוריק קוקן צו אלטע מעשיות...

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען מיך צו געפונען, איך האב זיך געטראפן! מיר האבן א וועג צו לעבן, א וועג צו לערנען, א וועג צו מחנך זיין די קינדער. דא ביים רבי'ן פעלט מיר גארנישט. "אייבערשטער העלף אז איך זאל זיך מער קיינמאל נישט פארלירן, און אז אלע פארלוירענע זאלן זיך קענען טרעפן מיט די זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן".

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו !**




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

אמאליגע צייטן איז מען געלאפן טעגליך
צום דאקטער פאר א פלו טעסט
היינט-צו-טאגס קומט דער דאקטער׳ס אפיס
אראפ צו אייער היים און אפיס.

**Medease**
CARE AT HOME

**718.208.2030**
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטערס
אפיס ביי דיר
אינדערהיים

## אמאליגע צייטן פלעגט מען גיין צום דאקטער.

**We are in the need of more volunteers**

What's best for you ?
* once in 2 weeks
*once a month
* once in 2 months
* once in 3 months
* other ______

## נאך א בעיבי נאך א ברכה!

Eizer l'yoldes - Suppers for Kimpeturens.

**GOOD NEWS!**

From today and on ALL Kimpeturens in shtetel have the privilege to get suppers!
Call/text Mrs Berenbaum at 347-543-8313



# א מעשה
## פון א צדיק

## עֲשִׁירוּת בִּזְכוּת תְּפִילָּה

דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט זֵיי מִיטְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב.

עֶר פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּעטְן קַיין טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין מַתָּנוֹת פוּן קֵיינֶעם, נָאר יֶעדְן טָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מִיסְט, אוּן גֶעזֶען צוּ עֶס אִיז דָא דָארְטְן עֶסְן וָואס עֶר קֶען אִין מוֹיל נֶעמֶען, אוּן קְלֵיידֶער וָואס עֶר קֶען אָנְטוּן.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזֶען זַיין לַיידֶענִישׁ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא עֶר זָאל גֵיין אוּן אִים גֶעבְּן פִיר גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם חָסִיד אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת דַאוֶוענֶען. הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעוַוארְט בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען, אוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "שָׁלוֹם פַאר דִיר רֶבִּי". דֶער חָסִיד גֶעבְּט אִים צוּרִיק שָׁלוֹם, אוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וִויל אִים גֶעבְּן דִי פִיר גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן גֶעבְּן, אָבֶּער דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין שְׁטֵייגֶער נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן קֵיינֶעם, אָבֶּער אֵלִיָּהוּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל עֶס יָא נֶעמֶען פוּן אִים, בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט בַּיי אִים אוּן עֶר הָאט עֶס גֶענוּמֶען.

אִיז דֶער אִיד גֶעגַאנְגֶען אִין מַארְק אוּן גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ אַבִּיסְל עֶסְן אוּן אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד.

וִוי נָאר עֶר אִיז צוּרִיק אַהֵיים הָאט זִיךְ אֵיינֶער פַארְגְלוּסְט אִין דֶעם קְלֵייד, עֶר קוּמְט צוּ דֶעם חָסִיד אוּן בֶּעט אִים: "פַארְקוֹיף מִיר דֶעם קְלֵייד", הָאט דֶער חָסִיד גֶעזָאגְט: "נֵיין אִיךְ דַארְף עֶס פַאר מִיר": הָאט עֶר גֶעזָאגְט "וֵוייסְטוּ וָואס אִיךְ גֶעבּ דִיר פַאר דֶעם קְלֵייד פִיר אוּן צְוָואנְצִיג גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת".

דֶער חָסִיד הָאט גֶעהֶערְט אַזַא סְכוּם הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ עֶס פַארְקוֹיפְן. דֶער חָסִיד הָאט גֶענוּמֶען דִי גֶעלְט אוּן גֶענוּמֶען מַאכְן מִיט דֶעם גֶעשֶׁעפְטְן פוּן וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רַייךְ דֶערְפוּן. עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט קְנֶעכְט אוּן דִינְסְטְן וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט פַאר אִים. אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ שִׁיפְן וָואס הָאבְּן גֶעפִירְט סְחוֹרָה פוּן אֵיין מְדִינָה צוּם אַנְדֶערְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע גְבִיר.

אָבֶּער וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אִיז אַז וִוי נָאר עֶר אִיז גֶעוָוארְן רַייךְ הָאט עֶר לֵיידֶער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "גֵיי קוּק אוֹיף דֶעם אִיד, וִוי נָאר אִיךְ הָאבּ אִים גֶעמַאכְט רַייךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען אִין בֵּית מֶדְרָשׁ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, עֶר הָאט שׁוֹין לֵיידֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיר, אִיז גֵיי יֶעצְט צוּ אִים אוּן נֶעם אַוֶועק זַיין עֲשִׁירוּת".

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער חָסִיד זִיצְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם גָאלְדֶענֶע שְׁטִיל. אִיז אֵלִיָּהוּ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, אוּן פְרֶעגְט דֶעם גְבִיר: "דוּ דֶערְקֶענְסְט מִיר", זָאגְט עֶר: "נֵיין". זָאגְט אִים אֵלִיָּהוּ "גֶעבּ מִיר צוּרִיק דִי פִיר גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת", זָאגְט עֶר צוּ אֵלִיָּהוּ: "וָואס? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט, וֶוען הָאסְטוּ מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן", זָאגְט אִים אֵלִיָּהוּ: "וֶוען בִּיסְט גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן, בִּיסְטוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מִיסְט אוּן גֶעזֶען צוּ עֶס אִיז דָא דָארְטְן עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער וָואס צוּ אָנְטוּן, דֶעמָאלְטְס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעגֶעבְּן פִיר מַטְבֵּעוֹת". הָאט דֶער גְבִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ דִי פִיר מַטְבֵּעוֹת לִיגְן, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן צַאמְגֶעמִישְׁט מִיט מַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן". מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז אֵלִיָּהוּ גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם גְבִיר אוּן אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ מִיר דַיין בֶּערְזְל פוּן גֶעלְט אוּן אִיךְ וֶועל אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָארְט פִיר מַטְבֵּעוֹת".

**וואס האט ווייטער פאסירט?**
**לייענט קומענדיגע וואך אי"ה**



(שיחות מוהרא"ש חלק י"ג ערך תפילה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

צ"ח

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג, רֶבִּי נָתָן קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאשְׁלָאסְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן כָאטְשׁ בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען פְּרִיוַואט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְגִיסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אַלֶע וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט נָאךְ אַלְץ אַרִיבֶּער.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן דֶעמָאלְט טוּן פַארְשִׁידֶענֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע הַנְהָגוֹת, וִוי צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ.

מִיטְוָואךְ, יוֹם כִּיפּוּר, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוָואלְט אַהֵיימְפָארְן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז סַיי וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ רֶבִּי מִיט אַ תַּלְמִיד, ווֶערְט אַ בְּחִינָה פוּן מֹשֶׁה אוּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן אֹהֶל מוֹעֵד, פוּן וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט שַׁבָּת אִין דִי תּוֹרָה, וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט.

יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַ מִנְיָן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט אִינְאֵיינֶעם אִין דִי סוּכָּה פוּן זַיין טַאטֶע, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַהִינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן זַיין טַאטֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט דָארְט מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, מִיט גְרוֹיס חִיוּת, אוּן מִיטְ'ן קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶונֶען, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דֶער סֵדֶר בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת הָאט דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דֶער עִנְיָן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן זְלַאטִיפָּאלֶע אוּן זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין בְּרֶסְלֶב אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ו, כ"ו) "וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר" - אִיךְ וֶועל אָפְּטוּן פוּן אַייךְ דָאס שְׁטֵיינֶערְנֶע הַארְץ, אוּן אַייךְ גֶעבְּן אַ "לֵב בָּשָׂר", אַ פְלֵיישִׁיגֶע הַארְץ. דִי שְׁטֵיינֶערְנֶע הַארְץ וַוייזְט אוֹיף גֶעלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מְלָכִים-א' י, כ"ז) "וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ אֶת הַכֶּסֶף בִּירוּשָׁלַיִם כָּאֲבָנִים", דֶער נָאמֶען פוּנֶעם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע מֵיינְט אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן דִי וֶוערְטֶער "לֵב בָּשָׂר", אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "בְּרֶסְלֶב"; דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק אַז דֶער רֶבִּי וֶועט פַארְלָאזְן זְלַאטִיפָּאלֶע אוּן זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן קַיין בְּרֶסְלֶב. אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ עֶרְוֶועקְט.

וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דֶער חָלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "לֶעָתִיד לָבֹא וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים", וַוייל עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי (יוּמָא פֶּרֶק ד', הֲלָכָה א') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ו, כ"ו) "וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר", אַל תִּקְרִי בָּשָׂר, אֶלָּא בֹּסֶר, שֶׁיִּהְיֶה כָּל אֶחָד בֹּסֶר בְּחֵלֶק שֶׁל חֲבֵירוֹ, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט דַארְפְן זַיין חַבֵר'ס חֵלֶק, יֶעדֶער וֶועט זַיין צוּפְרִידְן מִיטְ'ן חֵלֶק וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען, אוּן דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן "בְּרֶסְלֶב".

מְ'קֶען עֶס בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוּמָא ט:) אַז דֶער בֵּית הַמִקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִנָּם, אַז מְ'הָאט פַיינְט גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. אוּן דָאס גֵייט נָאךְ לֵיידֶער אָן בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַלֶע צָרוֹת אוּן גָלוּת וָואס מִיר לַיידְן, אִיז נָאר וַוייל מְ'אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, מְ'פַארְגִינְט נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, וָואס דָאס קוּמְט וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטֵיינֶערְט מִיט קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע גִלוּי אֱלֹקוּת, אוֹיף גָאר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, אוּן נֶעבְּן אִים, אַז גָארְנִישְׁט קֶען פַּאסִירְן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיטְ'ן דַעַת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דַאן וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ו, כ"ו) "וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר", יֶעדְנְ'ס הַארְץ וֶועט וֵוייךְ וֶוערְן, יֶעדֶער וֶועט זַיין אַ "בְּרֶסְלֶבֶ'ער" חָסִיד, הָאבְּן אַ "לֵב בָּשָׂר", סְ'וֶועט הֶערְשְׁן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַחְדוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

יום ג' פרשת וישלח, י"ב כסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

יא, זיכער; אז דו וועסט געבן צדקה צו דרוקן די גליונות און די נייע ספרים עצתו אמונה - וועסטו האבן א ישועה.

די הבטחה וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט נעמען א חלק אין דרוקן אשר בנחל וועט זען ישועות, דאס גייט אויך ארויף אויף די גליונות און קונטרסים. וואס שטייט אין די גליונות? וואס שטייט אין די נייע ספרים? עס שטייט נאר ווערטער, שכל און חיזוק פון מוהרא"ש, אזויפיל אידן זענען זיך מחזק מיט דעם, אזויפיל אידישע שטובער שטייען בזכות דעם, אזויפיל קומען צוריק צום אייבערשטן בזכות דעם, וואס איז בכלל די פראגע?

וואויל איז דעם וואס נעמט א חלק אין דרוקן די גליונות מידי שבת בשבתו; די גליונות מאכן אזא מהפכה אין די וועלט, עס איז נאכנישט געווען אזא הפצה אין ברסלב אזוי ווי די הפצה מיט די גליונות. אלע ליינען דאס, אלע ווארטן אויף דעם; מענטשן גייען פון שול צו שול זוכן א גליון, מען ווערט צוגעקלעבט צו דעם, בפרט צו די בריוו פון עצתו אמונה, איש אמונות; מענטשן זאגן אז דאס לעבט זיי אויף, דאס איז זיי אזוי מחזק.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

ר' שלום גרינוואלד (נאמען געטוישט) זיצט אין זיין אפיס אינגאנצן באזארגט, ער מורמלט זיך אונטער "הייליגער באשעפער, מאין יבוא עזרי", זיין ביזנעס איז לעצטנס אין א שווערע פינאנציעלע מצב, עס קומען נישט אריין קיין ארדערס, און מען דארף באצאלן ווענדארס, און ווי ווייט זיינע פליישיגע אויגן קענען זען, זעט ער נישט קיין ליכטיגקייט. "איך גיי זען צו איך קען באקומען א הלוואה פון די באנק", טראכט ער אלץ א לעצטע מיטל וואס ער זוכט אויסצומיידן מיט אלע כוחות, "אבער באשעפער, איך וויל נישט אריינפאלן אין חובות", זאגט ער מיט א צובראכן הארץ.

יענעם אויפדערנאכט טרעפט ר' שלום דעם גבאי פון קרן הדפסה מו"ה לייבי הי"ו, וואס איז געטריי צו זיין מיסיע צו העלפן דרוקן די הייליגע ספרים פון הייליגן רבי'ן, און ר' שלום פארציילט פאר ר' לייבי "איך בין אובד עצות, איך האב מורא אז מיין ביזנעס גייט באנקראט".

ר' לייבי האט אים אויסגעהערט מיט מיטלייד, און אים געזאגט, "זיי נישט באזארגט, זיי מנדב $500 צו העלפן דרוקן אשר בנחל, מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט העלפן דרוקן זיין ספר אשר בנחל וועט זען ישועות, איך זאג דיר, זאכן וועלן זיך אנהייבן צו רוקן."

שלום האט אים אויסגעהערט, און אים תיכף געענטפערט, "לייבי, איך נעם אן דיין אנבאט, מארגן אינדערפרי זאלסטו טשארדזשן מיין קרעדיט קארד."

קומענדיגן אינדערפרי האט לייבי אזוי געטון, ער האט אריינגעלייגט די נומערן פון ר' שלום'ס קרעדיט קארטל, און האט מסיח דעת געווען פון די מעשה. עס איז דורך בלויז עטליכע שעה, נאך יענעם נאכמיטאג באקומט ר' לייבי א קאל פון ר' שלום, זיין קול האט זיך געהערט זייער אויפגעהייטערט, "איך מוז דיר זאגן, די גאנצע מצב אין מיין אפיס האט זיך געטוישט, אין די לעצטע עטליכע שעה זענען אריינגעקומען עטליכע ריזיגע דזשאבס, ממש א נס, נאכדעם וואס די לעצטע וואכן איז ממש שטיל דא, איך דארף מער נישט צוקומען צו קיין הלוואות. מיין ביזנעס איז געראטעוועט".

דער נעקסטן טאג, מיט א קליינעם דפיקות הלב, האט דער גבאי געטשארדזשט שלום'ס קארטל. נאך בלויז עטליכע שעה האט זיך דער עולם געטוישט. ר' שלום'ס טעלעפאן האט אנגעהויבן צו קלאפן מיט ריזיגע דזשאבס, פון קליענטן וואס ער האט שוין לאנג נישט געהערט פון זיי. ער האט נישט געקענט גלייבן זיינע אויגן ווען די ציפערן האבן זיך אנגעהויבן באוועגן אין זיין באנק אקאונט.

"מו"ה לייבי," האט ער דערציילט שפעטער אין א טעלעפאן שמועס, "איך דארף דיר זאגן, אין די לעצטע עטליכע שעה איז אריין געקומען אזוי פיל דזשאבס אז איך דארף אפילו נישט ארויסנעמען קיין הלוואה! דאס איז מער ווי א פשוטע ברכה, דאס איז ממש א נס."

**כאפט אריין ישועות און רפואות, רופט אן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449, און זייט מנדב פאר אשר בנחל, און זייט זוכה צו געניסן פון די "הבטחה" וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט מנדב זיין פאר אשר בנחל וועט זען זיכערע ישועות.**

**צו איבערלאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347-578-4449**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

**האלל וועקסנע: 718.387.2691** | email: **subscribe@kerenhadfusa.org**

# נייעס פון קרן הדפסה

## קרן הדפסה גרייט זיך אויף חנוכה

אין די קאלטע ווינטער נעכט קומט אראפ דער אור די הייליגע חנוכה נעכט וואס איז לילה כיום יאיר, עס באלייכט דעם גאנצן ווינטער.

אין די לאנגע קאלטע ווינטער נעכט, ווען עס קען זיך דאכטן פאר א מענטש אז עס איז טונקל, שיינט אראפ דער ליכטיגער אור פון חנוכה וואס מאכט לילה כיום יאיר, און טוט באלייכן די נשמה, וואס מען נעמט מיט אויף א גאנצע יאר.

לכבוד די הייליגע טעג האט דער קרן הדפסה ווידער איבערגעדרוקט א גרויסע צאל פון דעם הערליכן קונטרס "סדר הדלקת נר חנוכה". דער קונטרס באשטייט פונעם סדר הדלקת נרות, מיט אלע מזמורים, פיוטים און מנהגים, לויט ווי מוהרא"ש זי"ע האט איינגעפירט. צוגעלייגט דערצו שיינע געדאנקען און חיזוק ווערטער מלוקט פון פילע הייליגע ספרים, וואס רעדן פון די גרויסקייט פון די הייליגע מצוה פון אנצינדן חנוכה ליכט. די קונטרס וועקט אויף א מענטש אויסצונוצן די גרויסע עת רצון בשעת די חנוכה ליכט ברענען, צו פועל'ן גרויסע ישועות אין אלע ענינים.

אין דעם קונטרס קען מען אויך טרעפן ווארעמע און הארץ-אויפענדע תפילות אויף פילע ענינים: קינדער, נחת, שידוכים, פרנסה און נאך. די תפילות, געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע, זענען ספעציעל צוגעפאסט צו זאגן ווען די לעכט ברענען, א צייט וואס די הימלישע טויערן זענען אפן.

דער "סדר הדלקת נר חנוכה" איז זייער פאפולער צווישן אנשי שלומינו, און ווערט צוכאפט יעדעס יאר. לעצטנס איז עס איבערגעארבעט געווארן מיט שיינע גרויסע אותיות מאירת עינים, וואס איז זייער געשמאק צו נוצן.

מען קען יעצט קויפן דעם נייעם איבערגעמאכטן "סדר הדלקת נר חנוכה" אויף אונזער וועבסייט און עס וועט אנקומען דירעקט צום טיר. ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט! באשטעלט שוין היינט, כדי עס זאל נאך אנקומען בעפאר חנוכה.

לכבוד חנוכה האט מען אויך ארויסגעגעבן אנדערע הערליכע ספרים און קונטרסים:

**"חנוכה שמח" אויף לשון הקודש: איז מחזק איבער די גרויסקייט פון נר חנוכה און וויאזוי אויסצונוצן די הייליגע טעג.**

**"נר להצדיק": דער גאנצער סדר הדלקת נר חנוכה מיט הלכות, מנהגים און שיחות אויף לשון הקודש.**

# בילדער פון קרן הדפסה



מען דרוקט איבער אידישע קונטרסים



געדרוקט נאך פון סדר דרך הלימוד אידיש און לשון הקודש



איבערגעפרישט קונטרס That's Me


## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**אהרן וועבערמאן**
קרית ברסלב

**לייבי ליעבערמאן**
טאמס ריווער

**יוסף ברילל**
וויליאמסבורג

**אברהם טיקאלסקי**
דזערזי סיטי

**ראובן בירנבוים**
קרית ברסלב

**משה מאיראוויטש**
קרית טאהש

**נחום ברילל**
קרית ברסלב

**ישראל חיים זילבער**
לעיקוואוד

**אפרים נובוגרודסקי**
לאנדאן

**חיים מאיר ערפס**
בארא פארק

**משה ראזענבערג**
טבריה

**יואל משה פליישמאן**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

Message: 347.578.4449



# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

Open all year round for all your optical needs

OPTICAL AT

RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

פאר די
# ברסלב'ע
שטוב

א מעשה
אויף למעשה:

# וואו טרעפט מען די פנים?

**מחשבה:**
שטראלן
פון השגחה

**אויפן וועג אהיים:**
מיין PLUS
ליסטע

**רעסעפי:**
Potato Latkas

# מחשבה



## שטראלן פון השגחה

פ. טראכטער

ר' חיים, א חשוב'ע כולל אינגערמאן, האט זיך ארומגעדרייט אינעם קארידאר פון שפיטאל. קוים פארגאנגענע וואך איז ער דא געווען, און איז אהיים א גליקליכע טאטע צו א ניי געבוירן אינגעלע. אצינד א וואך שפעטער איז ער דא צוריק מיט'ן קליינעם צדיק'ל. עפעס האט דאס קינד שוואער געאטעמט און ר' חיים האט זיך געטראפן פארוויילן די נאכט צווישן די ווענט פון שפיטאל.

עס הייבט אן טאגן און ר' חיים ווענדט זיינע טריט צום ביקור חולים שטוב, דער סימבאל פון אידישע חסד. ער מאכט זיך א קאווע, וויל טרינקען עפעס פאר'ן דאווענען, זיך צו דערכאפן דאס הארץ און פלאנט דערנאך צו כאפן א וועג אהיים צום דאווענען און דערנאך אין כולל.

אבער ווי נאר ער וויל מאכן א ברכה, פראלט זיך די טיר פון ביקור חולים צומער אויף, און אן אמעריקאנעם בוי'טשיק שטייט ביים טיר.

עס דערקענט זיך נישט אויף אים קיין צורה פון א איד, אבער זיינע אויגן זענען בעטנדיג און דריגנד.

"ראביי," ווענדט ער זיך צו ר' חיים, "איך בין א איד. איך האב אן אלטע מאמע דא אין שפיטאל. זי האלט ביים אויסגיין. זי האט געבעטן מען זאל טרעפן א איד וואס זאל קומען ליינען מיט איר קריאת שמע."

זיין קול ברעכט זיך, "ביטע קומט. קומט שנעל."

ר' חיים, א יונגערמאן, קוים עטליכע און צוואנציג יאר, ווערט דערשראקן. ער איז נישט געוואוינט צו אזעלכע בקשות און ווייסט ניטאמאל וואס מען האט צו טון אין אזא צייט. ב"ה ער איז נאר געקומען אין שפיטאל פאר שמחות.

אבער ער האט אוודאי נישט אפגעזאגט די מצוה וואס איז אים אריינגעפאלן אין די האנט. ר' חיים יאגט זיך מיט'ן זוהן ארויף צו די 10'טע שטאק, וואו זיין מאמע איז געווען.

זיי זענען אריין אין צימער. די פרוי איז געליגן מיט פארמאכטע אויגן. ר' חיים האט מיט א ציטערדיג קול געליינט קריאת שמע, געזאגט נשמת, און אביסל פון די פסוקי יחוד וואס ער האט געדענקט.

די פרוי איז געלעגן, זי האט נישט רעאגירט. די דאקטוירים האבן פאראויס געזאגט נאך אפאר מינוט צום לעבן.

ר' חיים האט געענדיגט. די זוהן האט זיך הארציג באדאנקט און ר' חיים איז ארויס, פארוואנדערט פון די זכות וואס איז אים אזוי' אומערווארטעט אונטערגעקומען.

ר' חיים איז אהיימגעפארן, געדאווענט און זיך אריינגעזעצט אין כולל. ער האט דערציילט פאר זיין חברותא די אינטערעסאנטע איבערלעבעניש וואס ער האט אצינד בייגעוואוינט. זיין חברותא הערט אים אויס און גיט אים א פרעג, "האסט געזאגט וידוי מיט איר?"

ר' חיים כאפט זיך ביים קאפ. ניין. ער האט פארגעסן. אינעם שאק און יאגעניש האט ער פארגעסן צו זאגן וידוי און געבן א געלעגנהייט פאר'ן נשמה תשובה צו טון.

עס האט אים זייער באנג געטון. אזא זכות, אבער דאך האט אים ווי געטון אויף די פארווארפענע נשמה וואס איז געוויס שוין נישט בין החיים, און האט נישט זוכה געווען צו גיין פון די וועלט מיט וידוי.

דעם נעקסטן אינדערפרי איז ר' חיים צוריק געגאנגען אין שפיטאל צו וויילן ביים בעטל פון זיין קינד. צו זיין שאק און ערשטוינונג האט ער באגעגנט ביים אריינגאנג פון שפיטאל דעם זוהן פון די אלטע אידענע.

"וואס זוכסטו דא?" פרעגט ער אים ערשטוינט, זייענדיג זיכער אז זיין מאמע לעבט שוין נישט.

"מיין מאמע לעבט נאך." דערציילט דער זוהן, "נאכדעם וואס דו ביסט ארויס האט זיך די מצב עטוואס סטאבאלאזירט. אירע אויגן איז פארמאכט, אבער זי אטעמט נאך."

ר' חיים האט נישט געווארט קיין רגע. "טראג מיר צו דיין מאמע" האט ער זיך ממש געבעטן. דער זוהן האט זיך געוואונדערט, "ראביי, מיר האבן שוין ערפילט איר וואונטש," אבער ער האט ארויפגעפירט ר' חיים צוריק צו זיין מאמע

ר' חיים איז אריינגעקומען און אנגעהויבן פארזאגן וידוי מיט א געריהרטע שטימע. אזא השגחה. די נשמה האט אויסגעווארט א וידוי. אזא זכות. ר' חיים איז געווען זייער גערירט.

ר' חיים האט צוגעענדיגט וידוי, איבערגענומען די סעלפאן נומער פון דעם זוהן און זיך געזעגנט מיט אים, "לאמיר זיין בקשר."

ר' חיים האט געהאפט אז אפשר וועט ער האבן די זכי' צו בעטן ביים זוהן צו זאגן א קדיש נאך זיין מאמע.

דערנאך האט זיך ר' חיים געיאגט צוריק צום NICU צו זיין ניי געבוירן זוהן.

ווי נאר ער איז אריינגעקומען האבן אים שוין די נוירסעס אפגעווארט. "א גוטן," האבן זיי אים באגריסט. "דיין אינגעלע איז מסודר ב"ה. מיר האבן אים אבזערווירט א גאנצע נאכט. זיין אטעם איז רואיג, ווייזט אויס א פארקילאכץ.ווארט נאר דא צען מינוט און מיר ברענגען דיר

די פאפירן און דו קענסט אהיים."

ר' חיים דאנקט דעם אייבערשטן און וואונדערט זיך אויף די געוואלדיגע השגחה פרטיות. אינצווישן קלינגט זיין סעלפאן.

דער זוהן רופט, "ראביי, קום שנעל. מיין מאמע גייט אויס. וואס דארף איך טון? וואס טוט א איד נאכ'ן שטארבן?"

ר' חיים האט געזען אז דער זוהן וויסט באמת נישט די א-ב פון דאס אידישע לעבן. ער האט שוין געהאט דערציילט פאר ר' חיים אז זיין טאטע פלעגט לייגן תפילין נאר ימים טובים און ער דער זון לייגט תפילין נאר אין ארץ ישראל.

ר' חיים האט זיך ארויפגעיאגט "מיט די נשמה אין די הענט" און איז אנגעקומען ממש צו יציאת נשמה און נאך זוכה געווען צו באגלייטן די נשמה מיט שמע ישראל.

גלייך דערנאך האט ער זיך פארבינדן מיט די חברה קדישא און מיט'ן לאקאלן חב"ד שליח וועלכע האט איבערגענומען די לייצעס און זיכער געמאכט אז די אידישע פרוי באקומט א טהרה און א אידישע קבורה.

גלייך דערנאך איז ר' חיים צוריק צום NICU אפצונעמען זיין צדיק'ל און אהיימגיין.

דוד המלך האט געזאגט "רבש"ע בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר: למקום פלוני ולבית דירה פלנות אני הולך, והיה רגילי מביאות אותי בתי כנסת ובתי מדרשות...

יעדן טאג האב איך געזאגט אז איך גיי צו דעם פלאץ און יענע דירה, אבער צום סוף בין איך געגאנגען אין בית המדרש. איך האב געטראכט חשבונות, איך וויל גיין דא און וויל טון יענץ, אבער צום סוף טוען מיר און גייען מיר דארט ווי דער אייבערשטער וויל...

וואס פארשטייען מיר צו הימלישע חשבונות?

...

די מעשה האט איך נישט געליינט אין אן אויסגאבע אדער געהערט פון א רעדנער. די מעשה האט זיך אפגעשפילט דעם פארגאנגענעם פרשת כי תבא צו א נאנטע משפחה מיטגליד, און דאס האט מיר געמאכט טראכטן אביסל טיפער.

די השגחה עליונה איז געוואלדיג. מיר זעען קלאר ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, אין שום מציאות מבעלדיך כלל. מיר מוזן אבער געדענקען אז "נישט נאר ווען איך האב פארפאסט די פליגער און די פליגער האט געקראכט" דארט געפונט זיך דער אייבערשטער, נאר אויך ווען די פליגער פארט און קומט אן און איך האב פארפאסט, דארט איז די זעלבע גרויסע באשעפער.

אמונה הייבט זיך אן דארט ווי די שכל ענדיגט זיך. אוודאי איז זייער שיין צו הערן א שיינע השגחה פרטיות מעשה מיט א דראמאטישע אויספיר, אבער דוקא דארט ווי איך פארשטיי נישט דרכי המקום, דארט קומט אריין מיין תמימות און פשיטות. דארט מאך איך צו די אויגן און איך זאג "אני מאמין באמונה שלימה, הוא בורא ומנהיג לכל הברואים," איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט און קיין שום זאך פאסירט נישט אליינס און אלעס האט א פונקטליכע חשבון.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן נב): דאס אז מען פארשטייט נישט דעם אייבערשטן, דאס איז די שיינקייט פון אונזער באשעפער, אז עס איז דא קשיות אויף די וועגן פון באשעפער. אויב וואלט מען ווען אלעס פארשטאנען ווייזט דאס אז דער אייבערשטער איז אזוי גרויס ווי מיין מח, אז איך פארשטיי נישט ווייזט דאס אז ס'איז העכער.

אמת, צומאל זעט מען "דראמאטישע שטראלן" פון השגחה וואס דערמאנט אונז אז "יש מנהיג לבירה", דאס איז אבער פאר אונז ווי אן אלארם זיך ארומצוקוקן און באמערקן אז "יעדע בלעטל, יעדע גראז שרייט אייבערשטער."

די זעלבע יש מנהיג לבירה וואס שיקט א קינד אין שפיטאל אין די פונקטליכע צייט, שיקט ר' חיים צו טרעפן דעם זוהן אין די פונקטליכע מינוט, דער זעלבער גרויסער גאט שטייט אונטער די פארפאסטע באס, די פארברענטע נאכטמאל, די וויינענדיגע בעיבי, די געלט וואס איז נישט אנגעקומען אדער בכלל נישט דא, אונטער מיין מאן'ס פארשפעטיגונג, און אפגעזאגטע העלפערקע.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז צומאל ווען די קריזיס איז דא, איז שווער ארויסצושלעפן די געוואר אויב עס איז נישט אנגעפולט. מען דארף לעבן און זיך אנזאפן מיט אמונה ווען אלעס גייט כסדרן אזוי אז מיר האבן וואס ארויסצושלעפן אין א שווערע מינוט.

וויאזוי זאפט מען זיך אן מיט אמונה? וויאזוי לעבט מען מיט "השגחה פרטיות"? זאגט אונז דער הייליגע רבי " אֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶּה שֶׁל אָדָם - אמונה ווענדט זיך אין די מויל פון די מענטש. אין התבודדות ותפילה...

דער ראש ישיבה האט געשריבן אין עצתו אמונה פרשת כי תבא פאר א כלה "די ליפן זאל נישט אויפהערן קלאפן תפילה און דאנק".

אז די ליפן קלאפן תפילות, בויעט מען א קשר מיט'ן טאטן, לעבט מען מיט השגחה פרטיות. מען זאגט און מען זאגט, מען שאקלט מיט די ליפן ביז עס ווערט ממש א געוואוינהייט, א נאטור. און דאס זאפט אונז אן מיט אזויפיל אמונה, אז קיין זאך אויף דער וועלט קען אונז נישט אוועקרירן פון דעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה דערציילט אז מוהרא"ש זי"ע איז געווען אזוי געוואוינט אלעס צו בעטן פון אייבערשטן אז איינמאל איז מוהרא"ש אריין אין א געשעפט און געבעטן פונעם געשעפטסמאן מילך. מוהרא"ש איז געווען געוואוינט צו בעטן שטיל "אייבערשטער" און דערנאך הויעך צום געשעפטסמאן, "איך קען אפשר האבן מילך?" אבער דא האט מוהרא"ש בטעות געזאגט הויעך, "אייבערשטער, איך קען אפשר האבן מילך?"...

דער רבי האט אונז שוין געזאגט אז משיח קען מען ליינען מיט א 'ש' וואס טייטשט שמועסן. וואס וועט משיח אויסלערנען פאר די וועלט? די סוד פון רבי'ן, פון התבודדות, פון שמועסן מיט'ן אייבערשטן.

דוד המלך האט אונז שוין אויך געזאגט דעם סוד. וויאזוי קומט מען צו לעבן מיט אמונה, נישט נאר ווען מען הערט א וואונדערליכע מעשה פון "השגחה"?

האמנתי - איך גלייב, "כי אדבר", ווייל איך רעד און איך רעד צום אייבערשטער. כל היום הוא שיחתי, א גאנצן טאג שמועס איך מיט'ן באשעפער.

טייערע שוועסטער, מיר האבן אזא כח אין אונזער מויל. א שאד נישט אויסצונוצן און "קלאפן תפילות" א גאנצן טאג, פאר זיך, פאר די מאן, פאר די קינדער, פאר כלל ישראל, פאר די שכינה. "באשעפער געב מיר אביסעלע נאנטשאפט צו דיר. איך וויל דיר שפירן. איך וויל נישט פארגעסן פון דיר. איך וויל זיך נישט פארלירן. העלף מיר אייבערשטער לעבן מיט "השגחה פרטיות" און נישט פארגעסן קיין רגע אז אלעס איז פון דיר און אלעס איז פאר דיר און אלעס איז צוליב דיר."

מיט תפילה איז מען זוכה צו לעבן מיט "השגחה פרטיות" יעדע מינוט פון אונזער לעבן

באשעפער העלף מיר לעבן פאר דיר. נאר פאר דיר!

# איפן וועג אהיים

## מיין PLUS ליסטע

**ביינאכט...**
מאן און ווייב פארטראכט,
א חשבון זיך געמאכט,
הכנסות - minus הוצאות,
ווייזט שרעקליכע תוצאות...

עס ווערט זיי נישט גוט,
א גרויסע דעפעציט,
אומעטיג די ווייב און מאן,
פראבירן צו מאכן א פלאן,
זיי ווערן זייער פארנומען,
דעם חשבון מאכן שטימען,
אויף פען און פאפיר,
מיט א מיינוס - בלייבן מיר...!

האט געזאגט אויף דעם דער ראש ישיבה:
מאך א חשבון א פאזעטיווע!
מאן און ווייב,
יעדע בייראפ שרייב,
וויפל גליק און גוטס
פארמעגן אין באזיץ,
שולדיג פיל חובות,
פארן באשעפער'ס טובות.

+ פלאס + Plus + אָן קיין עק,
חסדים אָן א ברעג,
און אזא מין ליסטע,
מאכט א גוטע גוסטע!

פוקח עורים,
איך זעה מיט מיינע אויגן!
זוקף כפופים,
איך גיי נישט איינגעבויגן!

איין מינוט כאפ איך זיך ביים קאפ.
כ'האב נישט יוצא געווען!
איך פיל אָן די גאנצע בלאט...
מיט דאנק אז איך קען זעהן.

מיינע אויגן,
גלאנציגע דיימאנטן,
טוען זיך גליטשן,
אין א פליסיגע קישן,
נישט צו טרוקן,
נישט צו נאס.

ש. ל. פליישמאן

צוזאמען ביים שיעור פארברענגט, ווערן בעסער איך בענק, כאטש עפעס איך געדענק

איך דארף זיי נישט שטיין און ווישן,
איך קען קלאר קוקן,
פון אייבערשטנ'ס וועלט,
זיך דערקוויקן..

און ווען א שטויבל פארשטעלט,
און איך שפיר ס'איז שרעקליך,
מאכן זיך צו מיינע אויגן דעקלעך,
מיט א שנעלע נאסע וויש,
פון מיינע טרערן זעקלעך אויטאמאטיש,
אין א מינוט,
ווי ווייפערס פון א קאר
איך וויים פון גארנישט...

מיינע אויגן,
צוויי סאלדאטן,
ביידע גראד אין פלאץ,
'יישר כח באשעפער!'
דאנק איך מיין טאטן,
אז איך קען זעהן,
פון נאנט און פון ווייטן....

מיינע אויגן,
הפלא ופלא,
פענסטערס צו מיין זעלע,
אויגן שפראך,
רעדט געפילן,
און פארציילט גאר אסאך!

**שכח באשעפער פאר דעם,**
ביידע קוקן אויס די same,
איך קוק ארום זיך,
אן קיין שום פראבלעם,
**וויפל דארף איך דאנקן דיך!!!**

קוים האב איך אנגעהויבן לויבן,
דאנקן דעם פון אויבן,
און עס איז שוין פול די בלאט,
מיט דאנק אויף איין פרט,
מיינע טייערע אויגן,
און פון ענדיגן בין איך נאך ווייט,

**"שכח הייליגער באשעפער,**
**אזויפיל חסדים מיט מיר טוסטו,**
**אה! ווי גוט צו מיר ביסטו,**
**די גאנצע וועלט'ס צייט,**
**וועט נישט זיין גענוג,**
**פאר מיין דאנק ליסטע!!!**

# Potato Latkes

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 4 POTATOES SHREDDED
- 4 EGGS
- 1 TSP SALT
- PINCH BLACK PEPPER
- OIL FOR FRYING

## DIRECTIONS:

- COMBINE ALL INGREDIENTS.
- HEAT OIL.
- SPOON 1 T OF BATTER IN HOT OIL.
- FRY ON BOTH SIDES TILL GOLDEN





ג. פעקעטע

מעשה אויף למעשה

# וואו טרעפט מען
# די פכים?

מלכי איז געווען א טאלאנטפולע מיידל וואס איך האב נאכגעשט געזען אזאנס בעפאר. יעדע טאלאנט וואס איינער קען ווילן האבן האט זי פארמאגט, אנגעהויבן פון זינגען, טאנצן, עקטן.

אבער דאס זענען נאר פון די קלייניקייטן, זי האט געקענט אויפשרייבן א סקריפט אנצופירן א גאנצע פארשטעלנוג, די לידער, די עקטס, ווי אויך האט זי געוואוסט פונקטליך די פראפס און די פארשטעלאכטס פאר יעדע פַּארט זאל זיין פאסיג געשטימט.

מלכי האט געהאט זייער גוטע □□□□□□□ □□□□□□□ מיט יעדן איינעם איז זי זיך גוט אויסגעקומען, יעדער האט ליב געהאט צו שטיין אין איר ד' אמות, ווייל איר גרויסע שמייכל האט יעדן אנגעווארעמט.

מלכי איז אויך געווען זייער א וואוילע און א ערליכע, זי האט ליב געהאט צו דאווענען, זי האט ליב געהאט צניעות און זי האט ליב געהאט צו דינען דעם אייבערשטן. צומאל פלעג איך זיך אויסדרוקן צו מלכי ווען איך האב זיך באגעגנט מיט איר, "מלכי, איך שטוין פון דיר, דו ביסט אזא טאלאנטפולע פרוי, דער אייבערשטער האט דיך געשאנקען אזויפיל טאלאנטן, אזויפיל מתנות, וואס מענטשן וואלטן זיך געווינטשן צו האבן כאטש איינס דערפון"! אבער יעדעס מאל נאכאנאנד האט מלכי אוועק געמאכט מיינע ווערטער, און מיט א פארווייטאגטע שטימע האט זי געזאגט, "הער אויף, הער מיר אויף צו טשעפענען, איך ווייס נישט וואס דו רעדטס, איך קען גארנישט, און איך בין גארנישט."

אין אנהייב פלעג איך זיך נאך מיט איר טענה'ן און זאגן "וואס הייסט? וואס מאכסטו זיך נאריש? דו קענסט אזוי שיין טאנצן, דו ביסט אזא פרייליכע מענטש, דו מאכסט יעדן גוט שפירן, אלעמאל ביסטו אזוי שיין און איידל אנגעטון, דו ביסט א העכסטע סוקסעס", אבער יעדע מאל פלעגט זי אראפשאקלען די ווערטער און זאגן, "ס'איז נישט אמת, ס'איז נישט אמת, ס'איז נישט אמת, איך קען נישט טאנצן און קען זיך נישט אויסקומען מיט מענטשן, איך מאך יעדן אזוי שלעכט פילן און איך בין קיינמאל נישט גענוג ערליך".

עס האט מיך זייער געוואונדערט, ווי אזוי קען זיין, אזא געלונגענע מלכי זאל יעדעווארט וואס מען גיבט איר אפשאקלען פון זיך און אויסטייטשן אויף פונקט פארקערט, און זאגן איך קען נישט, איך בין נישט, און איך בין שולדיג אין אלעם.

ס'איז אריבער א לענגערע שטיק צייט וואס איך האב מיך געקענט מיט מלכי, און איך האב אנגעהויבן זען א שטיקל בילד וואס גייט פאר אין מלכי'ס מח, מלכי פלעגט שיינען און ארויסשטארן מיט איר אויסערגעווענליכע סקילס וואס זי האט פארמאגט, אבער ווי

נאר איינער האט עס ארויסגעוויזן צו איר, קאמפלימענטעד, און איר געגעבן א גוט ווארט דערויף, האט זי גלייך אנגעהויבן פארפירן "ניין! ניין! ס'איז נישט אמת, איך קען נישט, איך בין נישט, איך קען נישט גענוג שיין פערפארמען, איך קען נישט שרייבן לידער און איך בין נישט גענוג צניעות'דיג אנגעטון".

וויבאלד איך האב דאס שוין געזען אסאך מאל ביי מלכי, האב איך איין טאג באשלאסן אז איך מוז פארשטיין וואס גייט פאר. איך האב געמאכט א קליינע אקציע אויף איר, איך האב באשטעלט איינער זאל נאכזינגען א שיינע ניגון וואס זי האט קאמפאזירט, וויבאלד ס'איז געווען אין א פרעמדע קול, האט מלכי מורא'דיג בארימט דעם ניגון און געזאגט, "דאס איז אזא שיינע ניגון, דאס איז אזוי הערליך". האב איך איר געזאגט "מלכי, עס איז א ניגון וואס דו האסט מיר יארן צוריק געזונגען, אז דו האסט עס אליין קאמפאזירט", האט זי זיך פארשעמט אביסל און גלייך צוריקגעצויגן און געזאגט "ס'איז טאקע נישט שיין, איך האב נאר געזאגט אז עס איז שיין ווייל איך האב געוואלט מאכן דעם זינגער שפירן גוט". איך האב דאן פארשטאנען אז עפעס טיף ליגט דא אונטער די גרויס קלאפעניש, די קליינהאלטעניש.

ווען איך בין געווארן אביסל נענטער מיט מלכי, פלעגן מיר שוין שמועסן מער. זאכן פון משפחה, פון געפילן, געדאנקען... נאך א שטיק צייט האב איך פארשטאנען די ענטפער קלאר.

מלכי איז אויפגעוואקסן אין א שטוב אָן גוטע ווערטער. אויף יעדע געלונגענע זאך וואס זי פלעגט פארשלאגן, וואס זי פלעגט זיך באמת אויסצייכענען דערין, אנשטאט צו הערן "מלכי דו ביסט אזוי געלונגען, דו ביסט אזוי טאלאנטפול", פלעגט זי הערן "דאס איז נישט גענוג גוט, דאס איז נישט גענוג שיין, דו קענסט נישט זינגען אזוי ווי יענע 'סטאר' זינגער, אדער דו קענסט נישט דאווענען מיט כוונה אזוי ווי די עלטער באבע צירל, אדער דו קענסט נישט קאכן, און דו וועסט קיינמאל נישט קענען חתונה האבן□".

נישט נאר עס האט געפעלט גוטע ווערטער, נאר עס איז געווען קריטיג לרוב ביי מלכי אינדערהיים, טאג און נאכט האט זי געהערט "דו קענסט נישט, דו ביסט נישט, דו גייסט נישט, און נאך מער - דו ביסט שילדיג אין אלעם". דאס איז געווארן איינגעבאקן ביי מלכי אין די ביינער.

מיר האבן געהערט פונעם ראש ישיבה אז קינדער וואס וואקסן אויף, הערן טויזנטער טויזנטער טויזנטער מאל " דו קענסט נישט, דו ביסט נישט, עס וועט גארנישט אויסוואקסן פון דיר". אונזער פליכט אלץ מאמע'ס איז, צו טון פונקט פארקערט. אויפזוכן די קליין ביסל גוטס ביי די קינדער און עס אויסלויבן און אויסרימען און זאגן " דו קענסט, דו ביסט און דו גייסט אי"ה אויפשטעלן א דור פון געלונגענע קינדער, געזונטע קינדער, קינדער וואס שפירן אז איינער גלייבט אין זיי, איינער האלט פון זיי, אז איינער טראכט אז זיי וועלן יא קענען שיין חתונה האבן, אויפשטעלן שיינע דורות, און אנקומען ווייט אין לעבן".

דאס איז אונזער פליכט אלץ אידישע מאמעס. אויפזוכן גוטס אין יעדן ארום אונז, און עס אויסלויבן און אויסרימען, און אזוי וועלן זיי אויפוואקסן געזונט און שטארק פיזיש, גייסטיש און אידיש.

***

יעקב אבינו איז צוריק געגאנגען נעמען די פחים קטנים, די קליינע קריגעלעך וואס ער האט איבערגעלאזט. מען וואונדערט זיך וואס איז אזוי חשוב געווען אין די קליינע פחים אז יעקב אבינו זאל אזוי דארפן מאכן אן אומוועג און אויפהאלטן די גאנצע משפחה. אבער מיטן רעבינ'ס לימודים קענען מיר עס קלאר פארשטיין.

ווי אזוי איז ארויסגעקומען אזא שיינע יום טוב חנוכה פאר אונז אידן? ווען מען קוקט אויף די מעשה, וואס איז געווען חנוכה? עס וואלט ווען געדארפט זיין א טאג פון פאסטן, א יום טוב פון קלאגן פון טרויערן, מען האט דאך פארברענט דעם בית המקדש, מען האט מטמא געווען דעם בית המקדש, מען האט צובראכן אלעס אין בית המקדש?

אבער ניין! חנוכה איז באשטימט געווארן אלץ א פרייליכע יום טוב, פארוואס? ווייל די חשמונאים האבן געפונען איין קליינע פח שמן, א קריגעלע אויל, און מיט די איינע קליינע פח שמן וואס די חשמונאים האבן געפונען, האבן מיר היינט אכט לעכטיגע טעג פון יום טוב.

דאס איז ממש אונזער מעשה!

אויב מלכי'ס עלטערן וואלטן געזוכט א קליינע פח, א קליינע קריגל פון עפעס גוטס, איין גוטע זאך וואס זי האט יא געקענט, וואס זי האט יא געטוהן, וויבאלד זי האט טאקע געקענט, זי איז געווען פול מיט טאלאנטן און פול מיט גוטע ווילן. אויב אירע עלטערן נעמען ווען די איין קליינע פח, און אנשטאט זאגן פאר מלכי "פֶּעך, פֶּעך, פֶּעך" אזוי פיל מאל אין איר לעבן, וואלטן זיי גענומען די ווארט "פֶּעך" וואס מען שרייבט מיט א סגול אונטער די פ', און אוועקגענומען איין פינטעלע פון די סגול פון פֶּעך- פון קוקן שלעכט- און עס ארייין געלייגט אין די פ' - און עס געמאכט פאר א 'פַּח' - אן אוצר וואס איז אנגעפילט מיט אויל וואס איז גרייט צו באלייכטן די מנורה, וואלט מלכי אויסגעקוקט גאר אנדערש אין לעבן, זי וואלט געקענט גיין מיט א גראדע רוקן און אפנעמען א יעדע גוט ווארט וואס מען געבט איר, ווייל זי וואלט געווען א גאנצע כלי, א גאנצע פַּח, אבער אירע עלטערן האבן דאס נישט געוואוסט.

שכח אייבערשטער מיר האבן די לימודים פון הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז אויס צו קוקן אויף יעדע קליינע נקודה טובה, סיי ביי זיך און סיי ביי יענעם. מיט דעם לימוד קענען מיר אלץ צוריק טראכטן, איך בין נישט פעך, איך וועל צוריק גיין אזוי ווי יעקב אבינו, און אויפזוכן פחים קטנים, קליינע קריגעלעך אויל, קליינע גוטע זאכן וואס איך בין יא ווערד. נקדות וואס איך קען נעמען און זיך אליין אנצינדן, זיך באלייכטן און זאגן: "איך בין גוט, איך האב אזוי פיל גוטס אין מיך", ווייל מיר זוכן אויף די פחים קטנים, די קליינע מצוה'לעך, וואס קען אונז באלייכטן אונזערע אויגן, צו זעהן ווי גוט מיר זענען, ווי וואויל מיר זענען, ווי פיין מיר זענען, אז מיר טויגן יא, מיר זענען יא, מיר קענען יא, ווייל מיר זעהן די גוטס אין זיך.

יעדע נאכט איידער מען לייגט זיך שלאפן מאכט אן ערליכער איד א חשבון הנפש. ווען דו מאכסט א חשבון הנפש, פארוואס זאלסטו נאר טראכטן היינט האב איך געשריגן, היינט האב איך זיך פארלוירן, און היינט האב איך נישט צוגעגרייט קיין עסן, און אויך נישט געדענקט צו זאגן א קאפיטל תהלים, א ווארט צום אייבערשטן□

ענדערש זאלסטו זאגן, היינט האב איך יא ארויסגעכאפט איין קאפיטל תהלים, היינט האב איך ארויסגעכאפט א שמייכל פאר מיין מאן, היינט האב איך ארויסגעכאפט א גוט ווארט פאר מיין טאכטער, זוך אויף די קליינע פחים אין דיין טאג און אזוי וועסטו זעהן ווי פול דו כאפסט ארייין אין איין טאג, און דו וועסט קענען אנהייבן לייכטן און באלייכטן אנדערע אויך.

דער אייבערשטער טוט אויך אזוי, ער נעמט אן אלע קינדער. עס שטייט ביים דאווענען 'כי אתה שומע תפילת כל פה', איז דא צדיקים וואס זענען מחזק- בויען אויף אידישע נשמות, און טייטשן אויס, 'כי אתה שומע תפילת' דער אייבערשטער הערט אויס די תפילות, 'כל פה' פון א יעדן איינעם וואס שפירט זיך ווי 'פּע' אדער 'פע', מען האט איר געזאגט עס וועט שוין גארנישט אויסוואקסן פון דיך, עס וועט שוין גארנישט זיין פון דיך, ביסט דאך איין שטיק 'פע'.

אבער אז צדיקים זאגן אונז, גלייבן מיר אז דער אייבערשטער הערט אויס יעדע ווארט וואס מען כאפט ארויס צו אים, און מען בעט אים: "באשעפער איך וויל יא זיין גוט, באשעפער איך מיין עס אמת'דיג, באשעפער קוק ארייין אין מיין הארץ, איך ברען צו דיר, איך וויל לעבן מיט דיך, איך וויל זיין וואויל איך וויל זיין גוט, וואס זאל איך טוהן אז איך האב א יצר הרע וואס ציט מיר אויף די אנדערע זייט, און אפילו יעדער איינער זאגט אז איך בין פע, און איך אליין פיל זיך פע פון מיין שלעכטע מעשים וואס איך קען נישט אפלאזן, איך שפיר אז פון מיר וועט שוין גארנישט זיין, באשעפער נעם אן מיינע תפילות, און העלף מיר שוין".




קינדער בלעטל

# פארשעמען א צדיק

בלויז איין וואך פארבליבן צום חנוכה פארמעסט

שיקט אריין אייער בילד ביז דאנערשטאג וישב



# יאקאב!

**פארזעצונג פון פריער:** ***יעקב (יאקאב) איז אנטלאפן קיין רוסלאנד דורך וועלדער. חדשים לאנג איז יעקב אזוי געקראכן איבער פעלדער און וועלדער, בשעת ער ערנערט זיך פון פרוכט און ירקות און ער שלאפט אין פארווארפענע שטאלן אדער אפענע פעלדער ביז ער איז אנגעקומען צו א פארווארפענע פארם טיף אריין אין רוסלאנד פארשטעקט צווישן הויעכע בערג..***

***אוזבעקיסטאן....***

אוזבעקיסטאן איז געווען אזוי ווייט אריין אין רוסלאנד, נישט ווייט פון אינדיע. עס איז נישט געווען קיין טראנפארטאציע מיטלען אהין. די איינציגסטע וועג אנצוקומען אהין איז געווען אדער דורך אן ערעפלאן אדער אויף די אופן וויאזוי יעקב איז אנגעקומען אהין. די נענסטע באן סטאנציע איז געווען 100'טער מייל ווייט (בערך אזוי ווייט וואו פון ניו יארק קיין קאנאדע)

די פארם האט זיך גערופן א "קאלכאז." וואס איז דאס א קאלכאז? דאס איז א פארם וואס ארבעט אויף א קאמיוניסטישע אופן.

רוסלאנד האט שטחים פון טויזענטער טויזענטער מייל וואס זענען נישט באוואוינט, אבער די ערד דארט איז גוט צו באארבעטן. און כדאי אז מענטשן זאלן וועלן אהיגיין וואוינען און ארבעטן האבן די רוסן געגעבן אומזיסטע הייזער און געמאכט א קליינע באפעלקערונג דארט. פיל ארימע מענטשן האבן זיך צוגעכאפט דערצו.

די שיטה פון די קאמוניסטן איז געווען אז אלע ארבעטן אייניג און באקומען אייניג. זיי האבן פראבירט אויסצורייסן פון די וועלט די מושג אז איינער איז ארעם און איינער איז רייך. זיי האבן געוואלט איינפירן אז אלע מענטשן ארבעטן די זעלבע און באקומען די זעלבע באצאלט.

דאס האט אבער נישט געארבעט, ווייל אזוי האט דער אייבערשטער איינגעפירט די וועלט. אויב א מענטש ווייסט אז ער באקומט די זעלבע באצאלט נישט קיין חילוק וויפיל ער ארבעט, ארבעט דער מענטש אן חשק, אן אפעטיט און קיינער האט נישט געזוכט אויפצובויען דאס לאנד. אזוי איז די עקאנאמיע פון רוסלאנד געווארן חרוב און צום סוף האט די קאמוניסטישע רוסלאנד געקראכט.

שטעלט זיך פאר אז יעדע קינד אין דיין קלאס באקומט די זעלבע צייכן אויף א בחינה, נישט קיין חילוק וועלכע ענטפער ער שרייבט אריין. ווער וועט דען וועלן חזר'ן? ווער וועט זיך דען אנשטרענגען? יעדער באקומט די זעלבע צייכן סיווי. די לערערין אדער מלמד קוקן ניטאמאל וויפיל ארבעט דו האסט אריינגעלייגט.

אזוי אויך האט פאסירט אין רוסלאנד. אויב עס מאכט נישט אויס צו איך ארבעט פלייסיג אדער פויל און אויב איך מאך נישט מער געלט אויב איך ארבעט מער אדער שווער, איז פארוואס זאל איך בכלל ארבעטן? און אז מען ארבעט נישט,

ש. טראכטער

# 5

הייבט די גאנצע עקאנאמיע אן אונטערצוגיין...

אויך דארט אינעם קאלכאז איז די סיסטעם געווען אזוי אז אלע ארבעטן אייניג, א גרויסע חלק געט מען איבער פאר די שטאט-ראט אלץ שטייער (טעקס) און די איבעריגע צעטיילט מען גלייך צווישן זיך. פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען אזוי גלייך, ווייל די קאלכאז האט דאך געהאט א הויפט און ער איז געווארן רייך, בשעת די ארבעטער זענען געבליבן בלוטיגע ארימעלייט.

דאס לעבן אין א קאלכאז איז ווייט נישט געווען גרינג. ווייץ, פרוכט און גרינצייג האבן זיי טאקע געהאט בשפע, אבער פלייש, מעדעצין, קליידער און נאך לעבנסוויכטיגע געברויכן האבן זיי ממש נישט געהאט. פון וואו האבן זיי דאס טאקע באקומען?

די רוסישע רעגירונג האט געהאט אויסגעשטעלט אז יעדע פאר טעג איז געקומען צו פארן א קליינע העליקאפטער און זיך אפגעשטעלט אינעם קאלכאז (עס זענען געווען פילע אזעלכע סארט קאלכאזן איבער רוסלאנד) און אראפגעלאדנט סחורה.

אבער כדאי אז עס זאל נישט ווערן אן אנלויפעניש און כאפעניש האט מען איינגעשטעלט אין קאלכאז א סיסטעם פון "קיופאן". יעדע איינוואוינער האט באקומען א געוויסע צאל קיופאנס און מיט דעם האט מען געקענט איינקויפן פלייש, קליידער און אזוי ווייטער. די קיופאָס איז געווען די געלט אין קאלכאז.

**זייענדיג צווישן גוים האט יעקב פארשטאנען אז ער דארף פארשטעקן זיין אידישע אפשטאם, און ווען זיי האבן אים געפרעגט זיין נאמען האט ער זיי געענטפערט: "יאקאב!"**

ווען יעקב איז אנגעקומען אהין האט ער גלייך געזען אז קיין איד איז אוודאי נישטא דארט און אזוי אויך זענען די גוים פון קאלכאז על פי רוב געווען מוסלומענער. זייענדיג צווישן גוים האט יעקב פארשטאנען אז ער דארף פארשטעקן זיין אידישע אפשטאם, און ווען זיי האבן אים געפרעגט זיין נאמען האט ער זיי געענטפערט: "יאקאב!"

יאקאב האט זיך אנגעטראגן אז ער קען זייער פלייסיג ארבעטן און אין אויסטויש פאר זיין ארבעט זאלן זיי אים לאזן וואוינען צווישן זיי. די גוים האבן זיך געפריידט אז נאך איינער קומט טיילן די ארבעט מיט זיי און זיי האבן אים אנגעטראגן צו פירן די טראקטער אויפ'ן פעלד און אזוי ווייער מאכן די ערד צו קענען פלאנצן.

יאקאב האט זיך צוגעכאפט צו די ארבעט. זייענדיג אליינס אויפ'ן פעלד איז אים גרינגער געווען צו דינען דעם באשעפער. ער פלעגט זיצן אויפ'ן טראקטער און זיך בענקען צום באשעפער, דאוונען און לערנען וואס ער האט געדענקט אויף אויסנווייניג. אויך פלעגט ער זיצן שעות אויפ'ן טראקטער און זינגען ניגוני אמונה און רעדן צום באשעפער אויף זיין פשוט'ע שפראך.

די טאזשיקן (גוים) האבן אפשר געקלערט אז יאקאב איז א פארטראכטער מענטש, זיי האבן אבער נישט געוואוסט אז אט גייט א צדיק וואס טראכט כסדר פונעם אייבערשטן און דינט דעם באשעפער אין פעלד צווישן הימל און גראז.

יאקאב איז געווען א טויגליכע בחור. די זעלבע ארבעט וואס די גוים האבן געטון אין א טאג צוויי, האט ער געענדיגט ביז אפאר שעה. אזוי האט ער אויסגערעכנט ער זאל נישט דארפן ארבעטן שבת ויו"ט.

יאקאב האט ווי אלע אין קאלכאז אויך באקומען קיופאנס. אבער יאקאב זייענדיג א אידיש קינד האט נישט גענוצט די "פלייש קיופאנס." ער האט דאס אבער אויך נישט אוועקגעווארפן, נאר ער האט דאס אוועקגעלייגט, קלערנדיג אז אפשר וועט קומען א טאג ווען ער וועט דאס דארפן נוצן.

*פארזעצונג קומט אי"ה*

## דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: דער עיקר וועג זיך צו באהעפטן צום אייבערשטן איז דורך תפלה!

## ברסלב'ע חידות

**וואס האט מוהרא"ש זי"ע געטון אין שפיטאל אין זיינע לעצטע מינוטן איידער אוועקגיין פון די וועלט?**

א. געוואון זייער דערשראקן
ב. געפאטשט און געשמייכלט
ג. גארנישט גערעדט
ד. געשריבן זיין צוואה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

וועלכע דריי זאכן פונעם צדיק – זאגט דער רבי – ליגט אינעם ספר פונעם צדיק? דער פנים, שכל און נשמה.

## געב א שמייכל

**וואספארא שייכות האט די דזשאוקס אינעם בלעטל** (פון אט דעם קעסטל וואס איר ליינט יעצט) **מיט די נדבות פון קרן עזר למשפחות וואס הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א שטעלט צאם?**

[illegible]

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה – חלק ראשון**

**ל. אֱמוּנָה בָּא עַל יְדֵי צְדָקָה.** אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה שטיינבערג – קרית ברסלב – כתה ו'**

# קליין און פיין


אליעזר שלמה שטיינבערג


יוסי פריעדריך


פיגא פריעדריך


אדי סאמעט


קריינדי ברוין


אליעזר שלמה בוים


אדי שטיינבערג 3 מלאכים


פיגא פריעדריך און שרי שווארץ


אליעזר שלמה שניטצלער


בית פיגא פרי NO GLYPH -1 שטעטל


משפחת פורסט



ביינוש שארף


נפתלי און מרדכי העסקעל

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



א טיש מיט א באנק - חי'לה יאקאבאוויטש און שרי אינדיג



חי' אסתר יאקאבאוויטש



נחמן און יוסי ראבינאוויטש מיט אליעזר פיש



רחלע' טיקאלסקי



פרי 1 ע' די דריי מלאכים



הענ' בלום,אסתר רייזל קורדוזו,שרי אינדיג,פייגי ראטה,חילע יאקאבאוויטש-האבן געבויט א בריק



שלמה און זאבי בוים



פייגי פינטער




משפחת פריעדריך



יענקי אונגאר

# דער אוצר אויפן באן 24

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש ז"ל

די ערשטמאליגע נסיעה פון מוהרא"ש זי"ע צום רבינ'ס ציון אלס אינגערמאן




גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**אנגעקומען א נייע מאשין ביים**
**בית הדפוס בני ברק**



**מען ארבעט ביי די שטח פונעם נייע בנין התלמוד תורה**
**אין שטעטל - ד׳ ויצא תשפ״ה**



**פארשריט ביי די נייע הייזער אויף די**
**בארדיטשוב גאס אין שטעטל - ג׳ ויצא תשפ״ה**



**ישיבה היכל הקודש ירושלים אויף א נסיעה צו**
**מקומות הקדושים - ג׳ ויצא תשפ״ה**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמעון פיש





















**פרייליכע חתונה פון החתן שמואל מרדכי ני"ו בן מו"ה וואלווי שטערן הי"ו עב"ג בת מו"ה שלמה וויינבערגער הי"ו**
**אין ישיבה - א' ויצא תשפ"ה**



סיום 41 מאל משניות פון הבחור יודל שעכטער נ"י



שבע ברכות פון החתן זעליג שפילמאן נ"י





אפשערן און חדר פירן פון הילד חיים נ"י בן מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו עורך פונעם קרית ברסלב בלעטל









חדר פירן פון הילד אברהם נ"י בן מו"ה יצחק פפנהיים הי"ו מנהל מוסדות היכל בקודש ארץ ישראל

## זכות פרק - $1000

**זכות מהדורה** — נמכר

$5000

מוה"ר
**אהרן וועבערמאן**
הי"ו

- פרק א' — נמכר — מוה"ר **יחזקאל זיגלער** הי"ו
- פרק ב' — נמכר — מוה"ר **יואל ראזענבערג** הי"ו
- פרק ג' — נמכר — מוה"ר **משה עקשטיין** הי"ו
- פרק ד' — נמכר — מוה"ר **עלי מזרחי** הי"ו
- פרק ה' — נמכר — מוה"ר **יואל משה מייזעלס** הי"ו
- פרק ו' — נמכר — מוה"ר **ליבי ראטה** הי"ו
- פרק ז' — נמכר — מוה"ר **משה סאלד** הי"ו
- פרק ח' — נמכר — מוה"ר **אפרים נובוגרודסקי** הי"ו
- פרק ט'
- פרק י'
- פרק י"א
- פרק י"ב




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פארבינדט אייך
היינט מיטן גבאי
**מו"ה ליבי ראטה הי"ו**

347 578 4449

*sruliHeskel